123

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 124) — עלפטער יארגאנג — מאי 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

צפת די שטאָדט פון מקיבולים.................זכריה הערשמאן 1
צווישן צוויי וועלטן..............................לעאָ קעניג 4
ס׳ווילט זיך זינגען..............................ס. פאלמע 7
דער טשאָרטקאָווער „שבתי צבי“.....................צבי אָרנשטיין 8
„אונזערס“.......................................א. מ. פוקס 13
דריי און צוואַנציק יאָר..........................משה עובד 16
ג. שאַפמאַן — מייסטער פון דער קורצער דערציילונג אין דער נייער
העברעאישער ליטעראַטור.........................אפרים טויבנהויז 17
מיין נעכטן ......................................ס. פאלמע 18
לאָך ברודער, לאך................................י. ל. פיין 20
קאראוואנען......................................אריה שדמי דן 21
רייזע איינדרוקן פון קאָנטינענט..................יוסף הלל לעווי 28
פרץ, נעכטן און היינט............................אליהו פאלושאק 32
כ׳האָב גע׳חלומ׳ט................................משה יעקב קליפער 37
אימפּאָזאַנטע י. ל. פרץ פייערונג.................י. ביטש 37
דער דערנער־וועג פון אַמאָליקן חדר................פאול טרעפמאן 40
אָפּקלאַנגען ......................................ק. 44
א. מ. פוקס איז עולה קיין ישראל.........................47
קולטור ידיעות און מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאנד: —5 דאָלאר א יאָר

1/9 פאָר אַ פּראָבע נומער

By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary

CAMEO CORNER

ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט

מיר דריקן נאָכאַמאָל איבער דעם אויפרוף צו אונדזערע לייענער און אַבאָנענטן, און אין דעם חודש איז ער נאָך דרינגנדיקער, ווייל מיר געפינען זיך ממש אין אַ קריטישער לאגע.

## אַן עס-אָ-עס-רוף צו אונזערע פריינט

דאָס ערשטע מאָל זייט דעם עקזיסטענץ פון אונזער זשורנאַל ווי מיר שיקן אַרויס אַ בריוו צו אונזערע פריינט, זיי זאלן זיך באַטייליקן אין אַ געוויסן באַשטייער, בכדי דער זשורנאל זאל קאָנען ווייטער דערשיינען רעגעלמעסיק, אין דער פאָרם און גרויס לכל־הפחות ווי ביז אצינד.

בעטן מיר אונזערע חשובע פריינט, וועלכע וועלן באַקומען אַזאַ צוגעשיקטן בריוו, באַלד צו רעאַגירן און זיך נישט באציען גלייכגילטיק צו אונזער בקשה, וואָרים עס איז ממש אָפּהענגיק דער ווייטערער עקזיסטענץ פונם זשור־נאָל לויט דעם, ווי אונזערע פריינט, וועלן זיך אָפּרופן אויף דעם אויפרוף־בריוו, וועלכן מיר שיקן איצט ארויס

דער ענטשלוס דערצו איז אונז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, אָבער „נויט ברעכט אייזן”, און מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאט ווי זיך צו ענטשליסן אויף דעם לעצטן, וואָרים וועט דער זשורנאל, לשון און לעבן” אונטערגיין, וועט אונזער יידיש גייסטיק לעבן דאָ אין אונזער! שוין גענוג אָרעמען און פאַרבלאָזן יידישן ישוב, זיין נאָך שפּלדיקער און נאָך גרויער.
און דערביי דערמאנען מיר נאכאמאל אונזערע חשובע אַבאָנאַמענטן

„אויב דער סעקרעטאר שיקט אַרויס אַ מאָן־בריוו, זאל מען תיכף צושיקן דעם אַבאָנאַמענטן־־אָפּצאָל!” אַ טייל פון אונזערע פריינט טון דאס און מיר זיינען זיי זייער דאנקבאר — טאקע אַ דאנק זייער פאראנטוואָרטלעכ־קייט און פינקטלעכקייט איז נאָך די מעגלעכקייט וואָס דער זשורנאל דער־שיינט דאך יעדן חודש רעגלמעסיק, טראָץ אלע אומגעהויערע שוועריקייטן.

מיר האלטן אז דער זשוראנל „לשון און לעבן” איז וויכטיק פאר אונזער ישוב, און מיר ראנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות אים ווייטער אָנצוהאַלטן, זאלן פריינט פון יידישן וואָרט, לייענער פונם זשורנאל, לכל הפחות, נישט זיין נאָכלעסיק אינם איינצאלן דעם יערלעכן אַבאָנאַמענט! און די ווידער, וועלכע ווילן אים נישט האבן, — אויס וואָסערע מאטיוון עס זאל נישט זיין! — זאָלן אַזויפיל אחריות אין זיך האבן אונז מיטצוטיילן אים אָפּצושטעלן.

ויסנדיק אונזערע שוועריקייטן, וועט איר פארשטיין דעם אַזוי דרינגנ־דיקן, קלארן און אָפענעם בריוו.

די רעדאַקציע.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאר:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

| נומער 5 (העפט 124) | עלפטער יארגאנג | מאי 1950 לאָנדאָן |
|---|---|---|

## זכריה הערשמאַן (בני ברק, ישראל)

## צפת, די שטאָדט פון מקובלים און אירע שרייבער און דיכטער:

אשר בן ישראל, י. בר־יוסף, י. צ. רימון, אפרים טויבענהויז. —אַ בונטע גאלעריע פון רעליגיעזע שרייבער אין ישראל

יעדע שטאָדט אין ישראל האָט זיך איר חן, האָט אויך אירע אייגענע טיפּן, אירע עסקנים און שרייבער. צפת, די מקובלים שטאדט, פארמאָגט אייניקע שרייבער, וואס פארנעמען אַ בכבוד׳יקן ארט אין דער ניי־העברעאישער לי־טעראַטור אין ישראל.

ס׳איז זייער כאראקטעריסטיש, אז נאָך מיט קנאפע 60 יאר צוריק האט שוין אַ צפת׳ער שרייבער, אליעזר רוקח, גערודערט איבער דער יידישער וועלט און רעדאקטירט צייטונגען אין בוקארעסט, יאסי און שפעטער אין סטאַניסלאַוואוו, גאליציע.

אשר בן ישראל איז גוט באקאנט מיט זיין בוך „אגדות הארץ”, ווו ער האט פלייסיק געזאמעלט אלע מעשיות פון יידן און אראבער אין לאנד.

יהושע בר־יוסף שילדערט אין זיינע נייע ראמאנען, דאָס יידישע לעבן אין צפת מיט הונדערט יאָר צוריק.

מען דארף באַצייכענען, די רעליגיעזע סטרונע ביי די צפת׳ער שרייבער. מ׳דערציילט, אז צום אפיקורס אליעזר בן־יהודה איז אמאל געקומען אין זיין רעדאקציע „האור”, אַ ייד מיט אַ „גדולה”: „ה׳ בן־יהודה! איר ווייסט ביין זון וואקסט שוין אַן אמת׳ער משכיל!”

„פונוואנען ווייסט איר עס?” פרעגט אים בן־יהודה.

„ער האט שוין לאנגע חדשים נישט געלייגט קיין תפילין!”

היינט צו טאָג איז שוין ביי אונז אין ישראל, אוועק יענע צייט, ווען מען האָט זיך כסדר געטשאטשקעט מיט אפיקורסות. אָט, גיט דער „מוסד הרב קוק” ארויס כסדר ספרים, וואָס זיינען פול מיט תורה און חכמה.

עס ליגן איצט פאר מיר צוויי ביכער פון עסייען, איין בוך „עצי חיים”, פון בארימטן שרייבער דעם צפת׳ער דיכטער יוסף צבי רימון. ערשט נישט לאנג האָט די „הסתדרות” ארויסגעגעבן זיינע לידער, וואס זיינען ארויס פריער אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און אט איז ארויס אַ צווייטע אויפלאגע פון „זהרורים” דורכן „גויל” פארלאג אין תל אביב, וואָס טראָגט אַ רעליגיעז־עטישן כאראקטער.

אין דער איצטיקער צייט פון שטורם און דראנג שאפט אפרים טויבענהויז זיינע ווערק, וועלכע זיינען רייך אין כאראקטעריסטישע סקיצען פון אמאָליקע דענקער און שרייבער, וואָס האבן נישט בלויז אַ דיכטערישן אינהאלט, נאר אויך אַ טיף וויסנשאפטליכן ווערט. עס איז צו באוואונדערן, ווי דאָס עכטע דיכטערישע וואָרט קומט צום אויסדרוק אויך אין דער עסיי, וואָס איז ווי אַ וועגווייזער פאר דער יידישער יצירה פון פריעריקע תקופות.

ביים שטילן וואסער פון „כנרת" האָט יוסף צבי רימון געשריבן זיינע עסייען און אויך דער מחבר פון „זהרורים" איז פון צפת און האָט אויך אַ מיסטישן טאָן, רעדט כסדר מיט אַ „קול דממה דקה" און זוכט צו שילדערן אַמאָליקע געשטאלטן און היינטצייטיקע שרייבער און פירט דורך זיין ווונטש מיט גרויס ערפאָלג, אַריינקוקנדיק אין דער שעפערישער לאבאָראטאָריע פון יענע צייטן. זיינען טאקע זיינע עסייען אויפגעכאפּטע אימפּרעסיעס, און אזוי קומט אַרויס ביי אים די שילדערונג „איוב", ווי דער אמת׳ער סימבאָל פון ליידנדען מענטש, אזוי וויברירט פאר דיר „איוב", ווי ער איז פול מיט יסורים, „מחוץ למחנה" און קראצט זיך פון זיינע ווונדן.

מיט 50 יאָר צוריק איז דאָס געווען, ווען פאר׳ן דעמאָלטדיקן צערודערטן דור זיינען ערשינען די נעאָ־חסידישע־ ראָמאנטיקער: מארטין בובער, י. ל. פרץ, יהודה שטיינבערג, שלום אש און הלל צייטלין. געקומען זיינען זיי ווי אַ „התגלות", ווי אַן אנטפלעקונג. מ׳האָט אָנגעהויבן פארלאָזן די ברייט קאָסמאָפּאָליטישע וועגן און זיך אַוועקגעלאָזט איבער די שמאָלע וועגעלעך, וואָס פירן צום פאָלק. מ׳האָט זיך געצויגן צו די איינפאכע תמימות׳דיקע פאָלקס־מעשיות און צויבער־לעגענדעס, וועלכע האָבן זיך דורות־לאנג געוועבט אין דער פאנטאזיע פון פאָלק: די פאָלקס־שאפונגען פון פרימיטיוון פאָלקס־לעבן זענען געוואָרן דער קוואַל, דער „מעין הנובע", דער מקור פון דער לירישער פּאָעזיע און דער וועגווייזער אויך אין דעם ראָמאן און די דערציילונג.

אָט דער איינפלוס איז דער הויפּט קענטיק אין דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראטור. ביאליק און פייערבערג, פרץ און בערדיטשעווסקי זענען די גרעסטע ראָמאנטיקער אין אונזער ליטעראטור. דעם פלאץ פּין סמאלענסקי׳ס „ישיבה בחור" פארנעמט אין דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראטור ח. נ. ביאליק׳ס „המתמיד", וועלכע איז די פּאָעטישע פארקערפּערונג פון יידישן תלמיד חכם און למדן, און דעם פלא" פון בראנדשטעטער׳ס „בעלי מופתים" פארנעמען ביי פרץ׳ן די אידיאלע פּאָרטרעטן פון צדיקים און גוטע יידן. דעם פולסטן אויסדרוק אירן האָט אָבער די ראָמאנטיק פון חסידות געקראָגן ביי בערדיטשעווסקי׳ן.

בערדיטשעווסקי׳ס חסידישע נאָוועלן און לעגענדען, אין וועלכע זיין גרויסער לירישער אימפּרעסיאָניסטישער טאלאנט האָט זיך אנטפּלעקט אין זיין גאנצער פּראכט און גלאנץ, טראָגן אויף זיך דעם גייסט פון אמת׳ן ראָמאַנטיזם, און דאָך רופט אונז נישט בערדיטשעווסקי צום פארגאנגענעם און אויסגעלעבטן. די אייגנארטיקע, אין זיך אָפּגעשלאָסענע, הארמאָניש־גאנצע חסיד׳־



ישע וועלט, איז פאר אים נישט נאָר דאָס אָפּבילד פון עבר, נאָר אויך אַ ווונדערלעך שיין פּאָעטיש בילד פון דעם ליכטיקן עתיד. בערדיטשעווסקי אלס קינד פון פּאדאליע, ווו ס׳איז געבוירן געוואָרן, געווירקט און געשאפן דער שעפער פון חסידיזם, דער בעל־שם־טוב; דאָס אָרט ווו ס׳האָבן זיך אין פארלויף פון עטליכע דורות דערנאָך אויסגעפאָרעמט די אייגנארטיקע חסידישע וועלט־אנשויאונג מיט איר אינערליכער הארמאָניע — האָט ער אין זיין נשמה איינגעזאַפּט דעם „אור הגנוז" פונם אינערליכן נשמה־לעבן פון דער חסידישער וועלט, וועלכע ער שילדערט אזוי מייסטערהאפט אין זיין בוך „ספר חסידים".

אויך די צוויי אויבנדערמאָנטע צפת׳ער שרייבער גייען אין די פוסטריט פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי.

אין „זהרורים" באטאָנט דער מחבר, אז אזוי גרויס ווי ס׳איז געווען די נאציאָנאלע טרייהייט און ליבשאפט פון די חסידים, אַזוי גרויס איז געווען זייער האס צום גלות און זייער בענקשאפט נאָך דער דערלייזונג. דער משיח־רעיון און די האָפנונג אויף די נאָענטע גאולה איז געווען דער צענטראלער פונקט ארום וועלכן אלע פּאָעטישע געפילן פון חסידות האָבן זיך קאָנצענטרירט. אַזוי ווי די וועלט קאָן נישט זיין אָן יידן, אזוי קענען יידן נישט זיין אָן משיח׳ן, ווייל, ווען יידן זענען אין גלות, איז די שכינה אליין אויך אין גלות, די שכינה אַליין — כביכול, — טרויערט און וויינט און עס קען נישט איינגעשטעלט ווערן קיין גלייכגעוויכט אין אלע וועלטן, ביז ישראל ווערט נישט אויסגעלייזט.

דער רוזשינער זאָגט אויף דעם פסוק „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע": „רבונו של עולם, אפילו, אז איך גיי אין דעם טאָל פון טויט האָב איך נישט מורא פאר מיר, איך וואָלט שוין ווי עס איז אויסגעהאלטן, שלעכט איז נאָר „כי אתה עמדי", דאָס וואָס דו אליין וואלגערסט זיך און פּלאָגסט זיך מיט מיר, אָט דאָס קען איך נישט איבערטראָגן!"

קיינער האָט נישט אזוי פיינט געהאט דעם גלות אַזוי ווי די חסידים, ווי הארצרייסענד קלינגען די פאָלגענדע ווערטער פון דעם חסידישן לידל:

„גלות, גלות ווי גרויס ביזטו,
שכינה, שכינה ווי ווייט ביזטו!

עס גייט אַ גלייכע ליניע פון יענע גוטע־יידן ביז די איצטיקע עולים פון די ליובאַוויטשער חסידים, וואָס האָבן מלחמה־צייט אַרומגעוואָנדערט יאָרן אין סיביר און זיינען געקומען איצט אויפפרישן מיט׳ן שווייס פון זייער פּנים די הייליקע ערד, דאָס אלט־נייע יידישע היימלאנד.

אַ חלום פון צוויי טויזנט יאָר ווערט פארווירקלעכט אין ישראל. און ביים דאָזיקן פּראָצעס באַרייכערן ווידער אַמאָל די חסידים אונזערע שעפערישע גייסטיקע קרעפטן, וואָס זען אין די חסידים, די גראנדיעזע פארווירקליכונג פון זייערע גלות־חלומות, וואָס זען אין זיי דעם המשך פון אלטן דרך־התורה אין דער סינטעז פון טראדיציע אריינגעפעדימטע אין נייעם יידישן רענעסאנס, וועלכע איז ביים היינטיקן טאָג איינע פון די גרעסטע וועלט היסטאָרישע געשענישן, און באזונדערס פאר אונז אין ישראל.

## לעא קעניג

# צווישן צוויי וועלטן

(וועגן ניזשינסקי)

ניזשינסקיס טויט האָט קענטיק געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין איראָפּע. דאָס הייסט אין דער אַלטער איראָפּע: צווישן די דורות, וועלכע געדיינקען נאָך די איראָפּע פון פאַר די וועלט מלחמות. פאַר זיי איז דער טויט פון דעם האַלב פאַרגעסענעם און האַלב לעגענדאַרן באַלעט־טענצער ניזשינסקי געווען אַ דערמאָנונג אין די „גוטע אַלטע צייטן" און אַז די אַלטע איראָפּע איז שוין אויך אפשר געשטאָרבן.

די אַלטע איראָפּע פון פאַר די וועלט מלחמות — ווער געדיינקט זי אַצינד קלאָר? און די וואָס געדיינקען זי נאָך, וואָס קענען זיך נאָך דערמאָנען אָן דער אַמאָליקער איראָפּע איז עס ווי זיי וואָלטן זיך דערמאָנט אָן אַן אַנדערער וועלט, אַן אַנדער גלגול.

און דערפאַר האָט אפשר ניזשינסקיס טויט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם אויף די איראָפּייער וואָס געדיינקען נאָך, ווי בלאַס און פאַרמעקט, אָט די אַלטע, אויף שטענדיק פאַרגאַנגענע צייטן.

ס'איז אמת אַז מען האָט געוווּסט אַז ער לעבט נאָך, אַז „דער גרעסטער טענצער פון אַלע צייטן ניזשינסקי" וואַנדערט פון איין איראָפּעיִשער סאַנאַטאָריע אין דער צווייטער פון זינט ער איז גייסטיק קראַנק געוואָרן (מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה), אָבער מען האָט געוווּסט דערפון אַז ער לעבט נאָך אַזוי מטושטש און ספּאַזמאָדיש פונקט ווי מען האָט זיך אַמאָל דערמאָנט אָן אַ איראָפּע וואָס האָט נאָך ניט געוווּסט פון וועלט־מלחמות. פאַר דער גרויסער מאָדערנער וועלט אָבער איז ער נאָר געווען אַ נאָמען, אַ אויסגעלאָשענער שטערן — אַ לעגענדאַרער נאָמען, וואָס די נייע דורות, וואָס האָבן אים קיינמאָל ניט געזען טאַנצן באַציִען זיך צו אים סקעפּטיש סרוב, ניט פאַרלאָזנדיק זיך אינגאַנצן אויפן געשמאַק פון זייערע עלטערן...

אָט ווי מיר סקעפּטיזירן אַ שטייגער וועגן די אַמאָליקע „גרעסטע און באַרימטסטע" נעמען פון ראַשעל, דוזע, סאַראַ בערנהאַרדט און אַנדערע בינע־שטערן מיט וועלכע די פאַרגאַנגענע דורות פלעגן זיך אַזוי גרויסן.

די אַלטע טראַגעדיע פון די בינע קינסטלער פון פאַר די פילם־צייטן: מיר לייענען וואָס די קריטיקער און דיכטער פון זייער צייט האָבן וועגן זיי געשריבן, אָבער אין האַרצן טראַכטן מיר: ווער ווייסט צי זיי זענען טאַקע געווען אַזוי גרויס? ווער ווייסט צי זייער שפּילן און זייער טאַנצן וואָלטן אונדז אויך אַזוי געפעלן געוואָרן?

---

ניזשינסקי איז געווען דער לעצטער פון די לעגענדאַרע בינע קינסטלער, וואָס לעבן נאָר אין די קראָניקס און שריפטן פון די וואָס האָבן זיי מיט די אייגענע אויגן געזען.



אָבער פאַר די וואָס געדיינקען נאָך די איראָפּע, אונדזער ציוויליזאַציע פון פאַר די וועלט מלחמות איז ניזשינסקי געווען אַ סך מער:

זיין רום, זיין שטערן האָט אויפגעלויכטן ערב דער ערשטער וועלט מלחמה, און זיך טראַגיש אויסגעלאָשן גלייך ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה.

ניזשינסקי און זיין קונסט איז אַזוי צו זאָגן, דער עפּיטאַם און קלימאַקס פון דער אַלטער איראָפּע און איר ציוויליזאַציע.

ער איז ניט נאָר געווען, ווי מען זאָגט אונדז, דער גרעסטער וווּנדערליכסטער טענצער אין דעם רוסישן באַלעט, וועלכער איז בשעתו געווען קינסטלעריש ניי און רעוואָלוציאָנער, נאָר אין יענער צייט האָט דער באַלעט אויך אויסגעזען ווי די העכסטע און פיינסטע דערגרייכונג פון דער איראָפּייִשער קונסט בכלל.

אין ניזשינסקיס און דיאַגילעווס צייטן איז דער באַלעט נאָך ניט געוואָרן „בורזשואַ־זיסליך"; די בעסטע רוסישע און איראָפּייִשע מוזיקער, מאַלער און קאָרעאָגראַפן האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם באַלעט און ניזשינסקי איז געווען דער וווּנדער, דער פליענדיקער טענצער־פּאָעט.

אפשר איז שוין דאַן געווען דער באַלעט דער אויסדרוק פונם איראָפּייִשן דעקאָדאַנס: דער לעצטער שוווּנג פון אַ ציוויליזאַציע אין שקיעה. ס'איז געווען די צייט ווען די אַלטע קונסט פאָרמען האָבן אָנגעהויבן איינפאַלן און אַפילו דער נעכטיקער רעוואָלוציאָנערער אימפּרעסיאָניזם האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט אַקאַדעמיזם; און ס'האָבן אָנגעהויבן אויפקומען דער פוטוריזם און קוביזם.

די איראָפּייִשע קונסט און ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן אָפּקערן פון דעם זאַלאַגאַנקור רעאַליזם און אַלץ מער און פאַרשידנאַרטיק אָנגעהויבן „עסטעטיציזירן": מאַרלאָנע, באַדלער, ווערלען, ריסבאַ... דאַנונציאַ, פּסיבישעווסקי... און אין רוסלאַנד די סימבאָליסטן אַרום די זאַמלביכער „שיפּאָווניק", וועלכע זענען פיל מאָדישער געוואָרן פון גאָרקיס מער ראַציאָנאַלע ליטעראַרישע זאַמלביכער... אָט אין יענער צייט איז אויפגעקומען אין זיין גאַנצער פּראַכט און נייקייט דער רוסישער באַלעט מיט זיינע פּראַכטפולע קינסטלער און ניזשינסקי איז געווען דער העכסטער און סענסיטיווסטער פליערטענצער זייערער.

---

ניזשינסקי האָט געוואַגט. ניזשינסקי איז געווען דער ערשטער און **לעצטער** פליער פון יענע פאַר־מלחמות־יאָרן. אַ פליער אָן די מאָדערנע, מעכאַנישע פליגלען. אַ פליער־טענצער פאַר דער הערשאַפט פונם עראָפּלאַן און פון דער אַטאָמישער באָמבע... אַ פליער אויף דער בינע.

און יעדע פאָרשטעלונג פון דעם באַלעט אין יענער צייט איז געווען אַ גרויסע קינסטלערישע געשעעניש, וועלכער האָט אַרויסגערופן היציקע דיסקוסיעס און פּראָטעסטן מצד דער פּיליסטינישער אַקאַדעמישער געזעלשאַפטליכער מיינונג.

ניזשינסקי האָט געטאַנצט און זיך באַוויגן אויף דער בינע ווי אַ פּאַגאַנישער אָפּגאָט, ווי אַ פאַרליבטער „פּאַן“ און די אקאַדעמיש־קאָנסערוואַטיוו־קריסטליכע וועלט האָט פּראָטעסטירט און געגוואַלדעוועט. אָבער צווישן זיינע פאַרערער זענען געווען אַזעלכע גרויסע, וועלט באַרימטע קינסטלער ווי ראָדען און אנאַטאָל פראַנס.

נאַטירליך, זענען ניט פאַראַן קיין שאַרף אָפּגעגרענעצטע עפּאָכן אין דער געשיכטע: די אייראָפּע פון פאַר די וועלט מלחמות זעט אונדז איצט אויס גאָר ווי אַן אַנדערע, אידילישע כמעט וועלט — אַ וועלט אָן פאַספּאָרטן, אָן וועלט מלחמות, אָן אַטאָמישע באָמבעס פון וועלכע אַפילו אַ ה. זש. וועלס האָט נאָך אַפילו ניט גע׳חלומ׳ט — אָבער דאָך זענען שוין דעמאָלט געווען ווירקזאַם די סתירות פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן געמוזט פירן צו די לעצטע וועלט מלחמות, צו אונדזער איבערברוך־צייט, צו אונזערע שווערע, טראַגישע יאָרן. די זיגן און דורכפאַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (פון אַ רוסישער האָט מען ערשט גע׳חלומ׳ט...) זענען נאָך געווען פריש... דער אַרבייטער קלאַס אין אייראָפּע האָט שוין אָנגעהויבן אויפוואַכן און ווייזן זיינע מעכטיקע פּאַטענצן.

ס׳איז געווען די צייט פון שקיעה, דעקאַדאַנס פון אַ אַלטער ציוויליזאַציע. און יעדע שקיעה איז אויך אַן אָנפאַנג.

און אין יענע פאָר יאָר ערב וועלט מלחמה נומער 1, האָט אויפגעלויכט ניזשינסקיס שטערן, און באַלד ביים אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה איז ער גייסטיק קראַנק געוואָרן און אַריין אין אַ סאַנאַטאָריע.

נאַטירליך וועלן אפשר זיינע אינטימע ביאָגראַפער קענען דערקלערן די אמתע סיבות פון זיין קראַנקהייט, אָבער אויך זיי וועלן, דאַכט זיך, מוזן באַמערקן און זיך אויף אַ ווילע אָפּשטעלן אויף דעם עפּיטאָמישן כאַראַקטער פון דעם טראַגישן פּאָעט־טענצער, וואָס זיין גלייכן זאָגט מען איז ניט געווען און וועט ניט זיין:

אויפגעשוונקן ביים אָנפאַנג פונם איצטיקן יאָרהונדערט און קראַנק און אויסגעלאָשן זיך ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה; אויפן גרענעץ צווישן צוויי וועלטן, צוויי ציוויליזאַציעס.


די טעג איז דערשינען אַ ניי־בוך פון **משה עוב״ד**

**„די גאולה שעה“ (א וויזיע)**

קאַרט־בונד ‎5/-‎ מיט פּאַרטאָ

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען אָדער דירעקט פון מחבר:

**MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1, England**




ס. פּאַלמע

## ס׳ווילט זיך זינגען

(צום ישראל־יובל)

ס׳ווילט זיך זינגען, — זאָל מען זינגען!
שופרות בלאָזן! גלעקער קלינגען
פון שפּיץ דעכער!
העכער, העכער
זאָל דערגרייכן קול און קלאַנג!

ס׳ווילט זיך טאַנצן, — זאָל מען טאַנצן
מיט גאַרלאַנדן, בלומען־קראַנצן:
אין אַ ריידל,
יינגל, מיידל,
נ׳קאַראַהאָדן מיט געזאַנג!

פרידן, פריידן, — ווערטער ליבע
נאָך די יאָרן גרויע, טריבע,
די באַשווערטע,
אויסגעצערטע,
אויסגעקרענקטע טעג און נעכט.

ס׳ווילט זיך לעבן, — זאָל מען לעבן!
וועט מען נעמען, וועט מען געבן;
ניט מער קלאָגן,
קינות זאָגן,
ניט מער שקלאַפן! ניט מער קנעכט!

יובלט קינדער! יובלט זקנים!
ניט באַזונדער, נאָר אינאיינעם:
ס׳איז באַנייאונג!
ס׳איז באַפרייאונג!
ס׳איז דער יאָר־טאָג פון דעם זיג!

ס׳איז דער טאָג פון צריק געבוירן,
דאָס וואָס ס׳איז געווען פאַרלוירן:
זאָלן מיר יידן
שטאַרקער שמידן, —
גרייט פאַר פרידן, גרייט פאַר קריג!...

## צבי ארנשטיין

# דער טשאַרטקאָווער „שבתי צבי״

(דער „אבערראַבינער״ פון רומעניע וואָס האָט זיך קאָרעספּאָנדירט מיט׳ן מופטי וועגן אָוועקגעבן די יידן דעם הר המוריה כדי אויפצובויען דעם בית המקדש.)

## א בלעטל זכרונות

געהייסן האָט ער אמאָל אין זיינע יונגע יאָרן — אברהמיני־סופר״, ניט מחמת ער איז געווען אַ סופר, נאָר ווייל זיין פאָטער איז עס געווען. שפּעטער אין זיינע מיטעלע יאָרן ווען ער איז געוואָרן אַן אגענט פון אמעריקאַנישע שיפסקארטן, האָט מען אים גערופן: ר׳ אברהמיני ראָזענבאַך.

אָט דער ר׳ אברהמיני ראָזענבאך איז געווען אַ געבוירענער טשאָרטקאָווער. זיין פאָטער ר׳ לייזער סופר, איז גראָד געווען אַ גאָר פרומער ייד, טאקע אַ ירא שמים און האָט אויך זיין בן יחידל געגעבן אַ פרומע דערציהונג. ער האָט געמיינט, אז ס׳וועט אַמאָל פון אים אויסוואַקסן אַ כלי, אַ מרא דאתרא ערגעץ אין אַ שטעטל.

ר׳ אברהמיני ראָזענבאך האָט זיך אָבער פארנומען אויף גאנץ אנדערע דרכים: זיין משונהדיקע פראָוויצירנדע התנהגות, האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער טשאָרטקאָווער יידישער באפעלקערונג — אַ ייד אַ בעל הדרת פנים, אָנגעטון אין אַ שיינער זיידענער קאַפּאָטע, אַרומגעגארטלט מיט אַ שיינעם ברייטן זיידענעם גארטל, אופן קאָפּ אַ וויכן פלושענעם קאַפּעליוש, שטענדיק כלומרשט פארטון אין די עולמות עליונים, פלעגט ער זיך אזוי ארומדרייען אין די טשאָרטקאָווער גאסן, כאפּן אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן, מכח קצין און גמטריות, וועגן דער גאולה און משיח׳ס צייטן...

עפּעס אַ משונהדיקער ייד מיט אַ רייכער פאנטאזיע פול מיט סתירות איז אָט אָ דער אברהמיני ראָזענבאַך געווען: אָט איז ער אַ הייסער חסיד פונם טשאָרטקאָווער רבין, דעם ריזשענערס אַ זון ר׳ דוד משהלע זצ״ל, רעדט זיך כלומרשט אדורך מיט אים אין סתרי תורה מכח „דברים העומדים ברומו של עולם״. האָט כלומרשט נאָר צו טון מיט עולם הבא׳דיקע, רוחניות׳דיקע ענינים און אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ, צום עולם השפל, ווערט אַ פּשוטער אגענט פון אמעריקאַנישע שיפסקארטן, איז „משלח״ קיין אמעריקע יונג און אלט, און אלץ גייט ביי אים כשורה... אָן אַ שום מכשול... הייסט זיך אָבער פאַר אַ יעדן גלגולת, פאַר אַ יעדן קאָפּ, גוט באצאָלן; גייט עס אזוי אָן מיט דער ארבייט אַ היפּשע פאָר יאָר, ביז די פּאָליציי הויבט זיך אָן צו פאראינטערעסירן אין דעם ענין...

נאָכן אָפּלעבן פונם בארימטן טשאָרטקאָווער רבין ר׳ דוד משהלע זצ״ל, פּראָקלאַמירט זיך אברהמיני ראָזענבאַך אלס זיין ממלא מקומו, באַהויפּטנדיק, אז דער רבי האָט אים, כלומרשט פאר זיין פּטירה, איבערגעגעבן אלע סודות



און סתרי תורה און האָט אים אויך מסמיך געווען, אלס זיין נאָכפאָלגער און ניט זיין אייגענעם זון, ר׳ ישראלצי זצ״ל וואָס איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט מיט זיין תורה און חכמה אין דער גאנצער חסידישער וועלט.

הכלל, ער, אברהמיני ראָזענבאך, איז כלומרשט, דער „אמת׳ער״ טשאָרטקאָווער רבי, און אומר ועושה: אברהמינו ראָזענבאַך מאכט ניט קיין גרויסע שהיות, ער טוט זיך אָן אַ שיינעם סויבלענעם „ספּאָדיק״, מיט אַ הויכן ווערידך אויפן קאָפּ, פונקט אַזוי ווי די צדיקים פון דער ריזשענער גזע זענען זיך נוהג. ער האָפט אזוי ארום צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די טויזנטער חסידים וואָס זענען דעמאָלט געווען פארזאַמעלט ביים רבינס פּטירה און פארבליבן אַ צייט לאנג אין טשאָרטקאָוו, מנחם אבל צו זיין, דעם אמת׳ן גרויסן באליבטן זון ר׳ ישראלצי זצ״ל.

ס׳איז איבריק צו באטאָנען, אז די שטאָט טשאָרטקאָוו האָט גערעשט און גערודערט. די אמאָליקע טשאָרטקאָווער ליצנים, האָבן די סענזאציע צולייגט אויף אלע טעלערלעך...

ר׳ אברהמינו׳ס מי כדי אנערקענט צו ווערן אלס דער טשאָרטקאָווער רבי, איז אבער געווען אן אומזיסטיקע. די טויזנטער חסידים האָבן זיך פון אים געמאכט אַ גאנץ קליינעם וועזן, זיי האָבן אים פּשוט איגנאָרירט. „עט״, פלעגן חסידים זאָגן, „אַ נאָכגעמאכטער שבתי צבי און דאָס איז אלץ״...

אברהמינו ראזענבאַך איז אָבער ניט געווען פון די „קטלי קני״, (פון די פּשוטע יידן, וואָס געבן זיך אַזוי לייכט אונטער) איז ער דאָך געווען מלא וגדוש אין תלמוד, מדרש, זהר און חסידות און דאצו נאָך אַ ייד אָן עקשן, אַמביציעז, ענערגיש און מוטיק. איז ער זיך אזוי אָנגעגאנגען מיט זיין רבישן פלאַן און אָנגעהויבן פירן רבישע „טישן״.

אַ יעדן שבת פלעגן זיך צונויפקומען אין זיין הויז פריינט און באקאנטע און סתם יידן פון „עמך״, וואָס פלעגן אָפּלעקן אַ ביינדל פון זיין חסד און גענאָד.

דער טשאָרטקאָווער רבי פלעגט מאכן המוציא איבער צוויי חלות און חסידים פלעגן שטעלן משקה צום טיש. אָבער אברהמינו ראָזענבאַך האָט זיך געהאט זיין אייגענעם אריגינעלן דרך אין „פירן טישן״. ער האט געמאכט דעם „המוציא״ איבער צוועלף חלות כמנין י״ב שבטים און אליין געגעבן משקה דעם עולם און פלעגט זאָגן „תורות״, רעדן איבער אתחלתא דגאולה, איבער עקבתא דמשיחא, איבער זיינע פלאנען ווי אַזוי אויסצולייזן ארץ ישראל מידי עכ״ום און אויפבויען דאָס בית המקדש כדי מקריב צו זיין קרבנות ווי אין די אמאָליקע אלטע גוטע צייטן.

„דר. הערצל״, זאָגט ער, „קאָן אויף דעם תוגר, דעם סולטאַן, קיין גוטן איינדרוק נישט מאכן. דער סולטאַן האָט פּשוט מורא, פאר אן אייראָפּייאישן מאָדערנעם ייד, ווי דר. הערצל. ער, דר. הערצל, קען אים, דעם תוגר, נאָך מאכן פאר אויס קאפּעליוש מאכער. אנדערש וואָלט אָבער געווען, ווען עס נעמען זיך צונויף 12 גרויסע פרומע יידן, אמתדיקע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי רבנים

למשל, די פנימער איינגעראמט אין שיינע לאנגע זילבערנע בערד, איינגעהילט אין לאנגע אטלעסענע קאפאטעס, פון וועלכע די ציצית פון די ארבע כנפות זען זיך דוקא בולט ארויס און קומען צו גיין צום סולטאן, באנוצנדיק זיך מיט אט אַ די פשוטע אמתע ווערטער:

„אדוני המלך! מיר זענען פשוטע פרומע רעליגיעזע יידן, וואָס האָבן מיט פאליטיק גארניט צו טון, מיר רעפּרעזענטירן די 12 שבטים און בעטן דיך, גרויסער אלמעכטיקער מלך, אזוי גוט צו זיין, איינצוגיין מיט אונז אין אַ שמועס מכח א״י. אונטער וואָסערע באדינגונגען למשל וואָלסטו, גרויסער האר, אונז יידן איבערגעגעבן דאָס לאנד פון אונזערע אבות אבותינו, אברהם, יצחק, יעקב? דו גרויסער אלמעכטיקער האר, וואָס געוועלטיקסט אויפן ים און אויף דער יבשה, וואָס אַ שטייגער, מאכט ביי דיר אויס, אזא קליין מדינה׳לע, ווי ארץ ישראל? במיטב כספּנו וועלן מיר דיר באצאָלן, פאר דיין חסד און גענאָד, און וועסט טאקע ווייטער פארבלייבן אונזער באשיצער, האַר און קעניג.

„נו, רבותי״, ווענדעט זיך ר׳ אברהמינו ראָזענבאך צום עולם, „קא סלקא דעתך״? קענט איר אייך פאָרשטעלן אזא זאך, אז דער סולטאן וואָלט זיך ניט צוגעהערט צו זייערע קלוגע באשיידענע ווערטער? וואָלט ער זיי ניט רעספּעקטירט און וואָלט מיט זיי ניט איינגעגאנגען אין פארהאנדלונגען מכח מקח וממכר?״

אָט מיט אזוינע „תורות״ און אקטועלע מעשה׳לעך פלעגט ער דעם עולם מהנה זיין ביי זיינע „טישן״.

ר׳ אברהמינו ראזענבאך האָט נאך געהאט פלאנען און המצאות, ער האָט זיי אָבער ניט געוואָלט מגלה זיין אַ יעדן איינעם... „אין מגלין אלא לצנועין״, (אזוינע וויכטיקע פּראָבלעמען קען מען נאָר מגלה זיין צו יחידי סגולה).

אין יאָר 1902 מאכט ר׳ אברהמינו א נסיעה קיין ארץ ישראל. ער האָפט אפשר אזוי ארום אויפצורודערן די וועלט און רעאליזירן זיינע משיחישע אידעען און פּראָבלעמען וועגן ארץ ישראל און בנין בית המקדש. קומענדיק קיין א״י איז ער זיך משתדל ביי דער טערקישער רעגירונג צו דערלויבן איינצופירן קריאת התורה ביים כותל מערבי און ער באקומט טאקע אַ דערלויבעניש. ער קומט דאן צו פאָרן קיין ירושלים רייטנדיק אויף אן אייזל, אין באגלייטונג פון אַ מנין יידן, האלטנדיק אַ ספר תורה אין האנט. דאָ ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די ירושלימער חלוקה יידן, וועלכע זאמלען זיך צענויף ארום אים און זיין ספר תורה. אַ רקודל הויבט זיך אָן פונאנדערצוגיין, ביים כותל מערבי און אין די ירושלימער גאסן, זינגענדיק דערביי אויף אלע כלים.

אברהמינו ראָזענבאך איז אין זיבעטן הימל, שמעלצט זיך פשוט פאר תענוג. „יעמוד מורינו ורבינו הרב הצדיק... דאָ רופט ער אויף דעם טשאָרטקאָווער רבין און וואונדערט זיך וואס קיינער פון די ירושלימער יידן זען אים כלל וכלל נישט... עינים להם ולא יראו... אָט — זאָגט ער, — שטייט ער דאָך נעבן מיר!...

זייענדיק אין א״י גייט ר׳ אברהמינו אָן מיט זיין פלאן וועגן בויען דעם



בית המקדש. ער באזוכט פארשיידענע פערזענליכקייטן, רעפּרעזענטאנטן פון פארשידענע מלוכות און פאָרדערט גערעכטיקייט פארן יידישן פאָלק.

אַזוי זאמלען זיך ביי אים אָן אַ שלל פון בריוו, פון אָנגעזעענע מלוכה־לייט, וועלכע באהאנדלען אָט אָ די פראגע אויף זייער שטייגער און מיט אָט דעם „באגאזש״, קומט ער צוריק קיין טשאָרטקאָוו, באזעעלט מיט נייע „משיחישע״ פלאנען און מעשים.

ער דערציילט דעם עולם איבער א״י און זיינע גרויסע מעשים. ממש אותות ומופתים, טאקע פלאי פלאים! — די גאולה, זאָגט ער, — איז גאר נאָענט, דאָס בית המקדש וועט געבויט ווערן, און טאקע אויפן הר המוריה... תשעה באב איז נישט מער קיין טרויער טאָג, נישט מער קיין בכיה לדורות, ניין! תשעה באב איז פון היינט אָן, אַ יום טוב, אַ זמן שמחתנו....״

ר׳ אברהמינו ראָזענבאך איז נישט נאָר אַ נאה דורש, ער איז אויך אַ נאה מקיים: אין תשעה באב טוט ער זיך אָן בגדי יום טוב, דעם ספּאָדיק מיטן הויכן ווערידך אויפן קאָפּ, אין מויל אַ לאנגע בורשטינינע ליולקע ציבוק, דער טיש איז געדעקט מיט אַ קלאָר ווייס טישטוך, צוויי זילבערנע לייכטער באשטראלן און באהעלן די שטוב, און ער, ר׳ אברהמינו, שפּאנט אהין און אהער, רויכערנדיק די ליולקע ציבוק, פארטון אין זיינע משיחישע פלענער און פאנטאזיעס. קונדיסים, ווייסע חברה׳ניקעס, באלאגערן די שטוב הינטער די פענסטער, שרייען אלע מאָל אויס אַ „הורא״, אז ס׳פארהילעכט די גאס. אָבער ער, ר׳ אברהמינו ראָזענבאך׳ס צורה, פארענדערט זיך ניט אויף אַ האָר... ער רויכערט זיך זיין ליולקע ציבוק אין אַ יום־טוב׳דיקער שטימונג. און די אויסנוועלט מיט די טשאָרטקאָווער קונדיסים גייען אים גאר נישט אָן. ער איז זיי מבטל, כעפרא דארעא...

אַ ניי רייך קאָלירפול בלאט הויבט זיך אָן צו אנטוויקלען אין זיין לעבנסוואַנדל בעת ער ציט זיך איבער קיין טשערנאָוויטץ. דאָ פּראָקלאמירט ער זיך אלס „אָבעררבינער פון רומעניען״. פאר וואָס ניט? ער איז דאָך אַ ייד אַ בר־אורין, פארמאָגט אַ גאוניאַלן קאָפּ, חוץ דעם, אימפּאָנירט אויך זיין שיינע פּאטריארכאלישע פיגור; ער פאנגט אָן צו קאָרעספּאָנדירן מיטן מופטי וועגן בנין בית המקדש און חתמנ׳ט זיך אונטער: „דער אָבעררבינער פון רומעניע״. דער מופטי כאפּט אויף דאָס בריוועלע און מאכט דערפון אַ גאנצן טאראראם, און אין יאָר 1931 פארעפנטליכט ער דאָס בריוועלע אין זיין אָרגאן, אויפפּאָדערנדיק די אראבישע וועלט, צו ראטעווען די הייליקע מקומות, — היות די יידן, ווילן ביי זיי אוועקרויבן דעם הר המוריה. ער קלאפּט אויך טעלעגראמעס קיין לאָנדאָן און אינדיען: — נאט זעט: „די הייליקע מוסולמאנישע ערטער זענען באדראט מצד דעם וועלט יידנטום.

נאָך אַ פּאָר יאָר זייענדיק אין טשערנאָוויטץ, באשליסט ער צו פאָרן קיין ארץ ישראל על מנת להשתקע (צו באזעצן זיך דאָרט). ער האָט נאָך זיין שליחות ניט גאנץ אויסגעפירט. ער ווענדעט זיך צום יידיש העברעאישן שריפטשטעלער מבשן, וועלכער האָט דעמאלט געוווינט אין בוקארעסט און

וועלכער איז געשטאַנען אין גאָר נאָנטע באַציהונגען מיט׳ן ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, אַז ער זאָל פאַר אים אויס׳פּועל׳ן אַ וויזאַ קיין ארץ ישראל.

מבשן האָט וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ מיטן מופטי גאָר ניט געוווּסט. ר׳ אברהמינו ראָזענבאַך שטעלט זיך פאַר אים פאָר, אלס פשוטער רב. זיין פּאַטריאַרכאַלישער אויסזען מאַכט אויף אים אַ געוואַלדיקן איינדרוק. ער איז אים מכבד מיט אַ גלעזל וויין, אַ גלעזל טיי, אָבער ר׳ אברהמינו רירט זיך ניט צו צו די משקאות. ער טרינקט קיין וויין ניט, מחמת השש פון יין נסך   טיי אויך ניט, מחמת חשש פון נישט געטובלטע כלים. „אפשר ווילט איר אַ גלאָז וואַסער?״ פרעג אים מבשן. „יאָ״, ענטפערט ער. מען דערלאַנגט אים אַ גלאָז וואַסער, און ער גיסט דאָס וואַסער אַריין אין דער האַנט און אַזוי טרינקט ער שטילנדיק זיין דורשט.

מבשן פּועל׳ט פאַר אים אויס אַ וויזאַ. און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייער ספּעקטאַקל:

זיי גייען ביידע אַרויס אויף דער גאַס כדי צו נעמען אַן אויטאָמאָביל צוצופאָרן צום אַמבאַסאַדאָר. ר׳ אברהמינו ראָזענבאַך שטעלט אָפּ אַן אויטאָ, מאַכט אויף דאָס טירל, גיט אַ קוק, און מאַכט דאָס טירל גלייך צו; מיט דעם אויטאָ פאָרט ער ניט. מען שטעלט אָפּ אַ צווייטן אויטאָ, — אויך ניט פּאַסיק פאַר אים. אינם דריטן אויטאָ שטייגן זיי שוין איין.

מבשן פרעגט אים: „מאי קא משמע לן רבינו ר׳ אברהם ראָזענבאַך? פאַר וואָס האָט איר ניט געוואָלט איינשטייגן אין די פריערדיקע צוויי אויטאָס?״

„פאַרשטייט איר מיך הער מבשן״, זאָגט ר׳ אברהמינו, „אין די פריערדיקע אויטאָס איז געווען אַ חשש שעטנז, אָבער דער אויטאָ איז געבעט פון לעדער״.

און אַזוי גייט אָן ר׳ אברהמינו ראָזענבאַך מיט זיין פּלאַן פון בנין בית המקדש.

אַזוי ווי די ישמעלים, די מוסולמאַנער מיטן מופטי בראש האָבן אַפּנים דעם אָבערראַבינערס פּלאַן איגנאָרירט, האָט ראָזענבאַך צוגעגרייט אַ שפּאָגל נייעם פאַנטאַסטישן פּלאַן: „ס׳איז ווי ניט ניחא״, זאָגט ער, „אָפּצוגעבן די יידן דעם הר המוריה? נו, איז מה רעש? מ׳קאָן זיך אָן זיי אויך אָן עצה געבן. ביי יידן איז פאַראַן אַ „ירושלים של מטה״, און אַ „ירושלים של מעלה״. מילא, ירושלים של מטה, איז אַ „מזמור שיר לעתיד לבא״, (אַז משיח וועט קומען וועט ער זיך שוין אַליין זיין שטעטל באַשטיין), דערווייל קאָן מען אויפבויען דעם בית המקדש, בין השמים והארץ, צווישן הימל און ערד... טאַקע פשוטו כמשמעו. זאָל מען אויפבויען צוויי ריזיקע זיילן פון ביידע זייטן פונם הר המוריה אויפן שטח פונם באָדן פון ירושלים וואָס באַלאַנגט צו די יידן. און אויף די צוויי זיילן אויפבויען דעם בית המקדש און אַ יעדן פרימאָרגן זאָל אַ חזן, אַ כהן, אַרויפגיין צום בית המקדש של מעלה, און דאָרט אָפּרעכטן די עבודה, וואָס זאָל דורכן ראַדיאָ געהערט ווערן פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער. אַזוי אַרום וועלן ביידע צדדים צופרידן זיין. די אַראַבער וועלן זיך דערווייל האָבן זייער מאָשע אויפן הר המוריה און די יידן וועלן זיך האָבן זייער בית המקדש טאָקע



אויף דעם זעלבן אָרט, „זה לעומת זה״.

אַפּנים, אַז ניט די אַראַבער און ניט די יידן האָבן זיך צוגעהערט צו ראָזענבאַך׳ס „גרויסע אידעע״, און דער ענין בנין בית המקדש איז דערווייל געבליבן הענגען בין השמים והארץ, צווישן הימל און ערד...

אין יאָר 1937 בעת די קעניגליכע קאָמיסיע איז געקומען קיין א״י אויסהערן די טענות פון ביידע צדדים, פונם מופטי מצד די אַראַבער, און פון דר. ווייצמאַנ׳ען מצד די יידן, האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די סענזאַציע וועגן ראָזענבאַך׳ס קאָרעספּאָנדענץ מיטן מופטי. דער מופטי האָט דאַן פאָרגעלייגט דעם בריוו־וועקסל צווישן אים און „אָבערראַבינער פון רומעניען״. ס׳האָט דעמאָלט אויפגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט, אַלע יידישע צייטונגען זענען אַרויס מיט פאַרשידענע אַרטיקלען מיט ספקות און סברות. „מי זה הוא, ואיזה הוא״, „ווער איז ער״ — אָט אָ דער „אָבערראַבינער, וואָס ביינאַכט זאָל ער האָבן עוסק געווען אין קבלה, אין חכמת הנסתר און זאָל האָבן קאָרעספּאָנדירט מיט׳ן מופטי וועגן בנין בית המקדש?

ס׳האָט קיינער ניט געוווּסט אַז דאָס איז אַ ייד, אַ טשאָרטקאָווער, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר.

דער שרייבער פון די שורות האָט דעמאָלט אין אַ קורצן אַרטיקל פאַרעפנטליכט אַ פּאָר פּרטים וועגן אָט דעם טשאָרטקאָווער יידן, און ביי אַ מיטינג אין לאָנדאָן איבערגעגעבן דעם זעלבן אַרטיקל דעם דר. ווייצמאַן.

ר׳ אברהם ראָזענבאַך איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַלס אַ זקן מופלג טראַגיש אומגעקומען בעת ער האָט זיך געבאָדן אין ים המלח.

---

א. מ. פוקס

## אונזערס

### יידיש ליטעראַרישע זאַמלונג אין ישראל

דער טראָפּ אויף דעם טיטל „אונזערס״, פון דער ליטעראַרישער זאַמלונג אין דער יידישער שפּראַך, וועלכע איז לעצטנס דערשינען אין תל־אביב, (ת׳ ש״ט) מיינט מסתמא אָנצעווייזן די גייסטיקע פאַרבינדונג מיט ישראל פון די 27 דאָרטיקע יידישע שרייבער, וועלכע זיינען פאַרטרעטן מיט ליטעראַרישע שאַפונגען אין דער זאַמלונג. די זאַמלונג איז רעדאַקטירט פון צוויי פעאיקע יידישע שרייבער, א. ליס און א. ריוועס, אָבער דער אַריינפיר אַרטיקל פון דער רעדאַקציע גיט נישט קיין בילד, אַפילו נישט בקיצור, פון דעם גרויסן געשיכטליכן געשעען אין לאַנד. ערשט אין די דריי עסייען: „איבערגעבורט״ פון זרובבל, „פון באָנטשע שוויג ביז באָנטשע שלאָג״, פון י. רובין און „פון אסיפת הנבחרים ביז כנסת״ פון דר. נ. ניר־ראַפּאַלקעס, האָבן מיר אָפּהאַנדלונגען וועגן די נאַציאָנאַל קולטורעלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען פון דער לעצטער שטורמישער צייט און דעם אויפבראַז און געראנגעל פון די פאָלקס כחות, בעת דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה און פון דער מלחמה.

דעם הויפּט־תוכן פאַרנעמען אין דער זאַמלונג די בעלעטריסטישע שאַפונ־

גען, אַ היפּשע צאָל לידער און דערציילונגען. זי הייבט זיך אָן מיט אַ גרעסערן ציקל לידער: „ארץ־ישראל ערד“ פון אברהם סוצקעווער. דאָס זיינען טיפזיניקע, בילדלעך געשליפענע פערזן פון לירישן געפיל אויסדרוק, מיט שטראַליקן ליכט פון דער ישראל זון, באַגלאַנצט אין זיין אייגנאַרטיק שאַרפן וואָרט קינסטלעריש סטיל וואָס דערמאָנען די וואונדערליכע פערזן פון זיין טרויריקער נאָר מייסטערישער, פּאָעמע „געהיימשטאָט“.

דאָס מאָל איז עס די אינערליכע איבערלעבונג־וועלט פון דער ישראל לאַנדשאַפט, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם סובטילן דיכטערס אויג און געפיל מיט שאַפערישע וויזיעס.

אויך פּאַפּיערניקאָוו האָט אַ גרעסערן ציקל געדיכטע אין דער זאַמלונג: „געבורט פון אַ לאַנד“. די חבלי־לידה האָט דער דיכטער איבערגעלעבט אין זיין נשמה און אויסגעזונגען דעם אויפבּרויז פון דער דערהויבונג אין די פאַרבענקטע לידער. אויך די סאָציאַלע מאָטיוון זיינען ביי י. פּאַפּיערניקאָוו דורכגענומען מיט שטאַרקע שטימונגען פון פּאַטריאָטישע ליבשאַפט צום לאַנד.

פאַרביק־רייך געמאָלן, טאַקע ווי אַ איטאַליעניש געמעל איז די פּאָעמע „איטאַליע“ פון יעקב שטאָל. דער דיכטער איז באַגייסטערט פון איטאַליע, מיט אַ מין מוזיקאַלען פּאַטאָס אין די פערזן, וואָס מאַכט אַ רושם.

מלכה לאָקערס ליד „ניסן“ איז אַ געדאַנקלעך פאַרטיפטע שטימונג פון לאָנדאָנער טונקלע אימפּרעסיעס, און גיט אויסדרוק פון דער דיכטערינס שווער געמיט.

לידער פון ישראל, מיט העלע פריידיקע פאַרבן ווען אָפט אפילו אויך גורלדיק פאַרטרויערטע, זיינען אין דער זאַמלונג געדרוקט פון אריה שמרי „אויף זוניקי לאַנען“, פון ריווע באַסמאַן, „אש און ווינט“, פון הלל שאַרגעל, „דאָרף“, פון שלמה שענהויט, „נעכט דאָ“, פון יעקב צבי שאַרגעל, „לידער פון נגב“, פון משה יונגמאַן, „ירושלים־מאָטיוו“, פון מאַניק לעדערמאַן: „לידער“. דעם לייענער ווערט קלאָר אַז די יידישע פּאָעזיע אין ישראל איז רייך מיט אַ שלל פון גאָר נייע מאָטיוון, וואָס אנטפּלעקן אין אינערליכן מהות דעם וואונדערליכן אויפקום פונם נאַציאָנאַלן לעבנס המשך אין אייגענעם לאַנד, מיטן גאַנצן נייעם פאַרנעם פונם תוך און תכלית. אויך די פּראָזע איז רייך פאַרטרעטן אין דער זאַמלונג.

אונזער אלטער גוט באַקאַנטער פּראָזע קינסטלער יואל מאַסטבוים, וועלכער פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט אָפּגעדרוקט אַ קאַפּיטל פון זיין ראָמאַן טרילאָגיע, אונטערן נאָמען „דער באַגינען אין ירושלימער אלטשטאָט“. די שילדערונג איז פונם שטייגער לעבן פון די פריערדיקע עולים אין דער נייער סביבה פון דער אייגענער היים, רעאַליסטיש בילדלעך געפּילפּול געמאָלן און פּלאַסטיש געשטאַלטיקט, מיטן גאַנצן אויפברויז פון דער יידישער נשמה און גלייביקן וואונדער פון דער דערלייזונג טאָג. ער, יואל מאַסטבוים, איז אַ אַלטער תושב אין לאַנד, ער שרייבט אין ביידע שפּראַכן (צו זיין 40 יאָריקן ליטעראַרישן יובל, ווערן דאָרט אַצינדער



אַרויסגעגעבן זיינע בעלעטריסטישע ווערק, אין ביידע שפּראַכן) און ס׳ווייזט אויס אַז ער האָט אַ גוטע השפּעה אויף די יונגערע יידישע פּראָזע שרייבער אין ישראל.

אַ קאַפּיטל פון אַ רעאַליסטישן ראָמאַן, אויף פונם שטייגער לעבן פונם עלטערן דור עולים אין דער נייער סביבה אין לאַנד, האָט אָפּגעדרוקט א. רייוועס. זיינע בילדער זיינען רייך מיט הומאָר און די פּאַרשוינען אין דעם געוועב פון די סיטואַציעס זיינען געשילדערט מיט לעבעדיקע שטריכן פון אַ קינסטלערישן סטיל.

אַ זייער טאַלענטירטער פּראָזע שרייבער איז מ. צאַנין (וועלכער גיט אויך אַרויס אין תל־אביב אַ צייטונג „לעצטע נייעס“) זיין דערציילונג „עבדים היינו“, איז פון דער חורבן צייט, זי גיט אַ טרויריקע פּלאַסטישע שילדערונג פון מוראדיקן לאַגער לעבן, ווען די יידישע קרבנות האָבן זיך געראַנגלט אין קלעם פון דער פאַרלוירנקייט, מיט אַ גרויסן נשמה׳דיקן כוח פון גלויבן און האָפנונג און גובר געווען דעם יאוש. מ. צאַנין פאַרמאָגט אַ פיל זייטיק שאַרפן פען.

שיינע דערציילונגען אין אַ זאַנפטיקן יידיש און אין אַ בילדרייכן סטיל, האָבן די יונגע שרייבער מענדל מאַן: „דאָס וווּנדערליכע פּאַשע פעלד“, דאַן רקידה פּאָטאַש: „דער מינכענער צויבערער“ און גד זאַקלאַדקאָווסקי: „זינדיק געלד“.

מענדל מאַנס קינסטלערישע נאַטור שילדערונג פון אַ רוסישער לאַנדשאַפט שמעקט ממש מיט רויע ערד און פויערישער פעלדאַרבייט. גד זאַקלאַדאָווסקיס דערציילונג איז אַ לעבעדיק שטייגער בילד פון היימישן עלטערן דור האַראָפּאַשנע עולים. רקידה פּאָטאַש דאַגעגן האָט ווייזט אויס ליב צו זוכן זייטיקע טעמעס מיט אָריגינעלע בילדער און אויסטערלישע פאַרשוינען אין דעם געווימל פון עולים און געשעענישן אין לאַנד.

עס איז גריילעך געמאָלט דאָס דוקא אין ישראל קומט אויף אַ יונגער דור פון פעאיקע יידישע פּראָזע שרייבער, וואָס וועלן ממשיך זיין די יידישע ליטעראַטור, מיטן ישראל בילד פון אַ ניי פאָלקס לעבן.

די קריטיקערין גיטיל מייזל און ד. ב. מאַלקין זיינען פאַרטרעטן אין דער זאַמלונג, די ערשטע מיט אַ קורצן עסיי וועגן דער חורבן ליטעראַטור און דער צווייטער מיט אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן „דער נייער העברעאישער פּראָזע ליטעראַטור“.

א. ליס האָט אַן אַרטיקל וועגן „יידישע שרייבער און יידיש אין ישראל“, יצחק פרענקל שרייבט וועגן דער מקובלים שטאָט צפת, און אריה שמרי און נה גריס האָבן אַ צאָל רעצענזיעס וועגן נייע דערשינענע יידישע ביכער אין ישראל.

די זעלטן אינהאלטרייכע ליטעראַרישע זאַמלונג „אונזערס“, איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פונם יידישן ליטעראַטן קלוב אין ישראל. אויך דאָס איז אַ מאָדנע גוטע נייעס.

## משה עובד

### דריי און צוואַנציק יאָר

(פאַר חוה ראָזענפארב, געשריבן אין 1946)

דריי און צוואַנציק יאָר, אָנגעצונדענע מיט טעג און נעכט,
האָבן געצאַנקט אין מיין לעבנס־חלום;
יעדער טאָג און נאַכט — אַ יאָרצייט לעכט
נאָך מיין ברודער יעקבֿ׳כע עליו השלום.

אויך אַ קנייטעל האָט שוין צען יאָר אין מיין הארץ געברענט
נאָך דער פייערדיקער טענצערין „סילוויע” מיין קינד,
ערד צום הימעל האָט זי אויפהויבן געקענט,
און אויסגעלאָשן האָט איר פייער, דער ווינט.

ביסטו חוה מיין נר תמיד אַצינד,
געראַטעוועטע פון קרעמאַטאָריום־פייער;
ביסטו, חוה, חלום פון מיין פאָלק, שרה רבקה מיין קינד,
און מיין ברודער יעקב מאיר.

ביסטו חוה, דרייאונצוואַנציק יאָריק קינד,
מיין חוה׳שי, מיין חוה־טאָרן.
די פארלוירענע פון מיין פאָלק ביסטו אַצינד
דיר צו לענגערע יאָרן.

---

## אפרים טויבענהויז

### ג. שאפמאַן — מייסטער פון דער קורצער דערציילונג אין דער ניי-העברעאישער ליטעראַטור

(צו זיין 70־טן יובילעאום)

נישט גרויס איז די צאָל פון שרייבער, וואָס זייער לעבן און שאַפן זאָלן זיין אַזוי ענג פארבונדן מיטן גייסטיקן שאפן ווי מיר זען עס ביי ג. שאפמאַן. געבוירן אין ארשע, מאָהילעווער גובערניע, אין יאָר 1880, שם׳ט ער שוין ייגלווייז אלס גרויסער עילוי. בעת ער קומט אלס יינגל קיין ווארשע און ווייזט זיינע דערציילונגען י. ל. פרץ׳ן און דוד פרישמאַן, דערקענען זיי ביי אים נישט קיין טאלאַנט. נאָר בן־אביגדור, דער העברעאישער פארלעגער האָט אַן אויג אויפן יונגען שרייבער און דרוקט זיינע דערציילונגען אין פארלאַג „תושיה”.



גרשום שאפמאַן גייט דאַן אוועק אין מיליטער און ער פארברענגט דריי יאָר אלס סאָלדאַט. שפּעטער איז ער אוועק קיין גאליציע און דאָ גיט ער אַרויס די זאמלונג „שלכת” און שפּעטער „גבולות”.

ער איבערזעצט דאַן אין העברעאיש פּעטער אלטענבערג׳ס קורצע דערציילונגען. ווי יענער איז אויך שאפמאַן אַ רייצנדער דערציילער און צייכנט זיך אוים מיט זיין געטאָקטער שפּראַך. ער האָט ליב אַריינצודרינגען אין די טיפעניש פון דער נשמה, און ער איז דער שפּיאָן פון נשמה־לעבן. ער באַזיצט אַ חוש צו אנטפּלעקן גייסטיקע תאוות. די אלע טריפה׳נע באַגערן, וואָס מען דערשטיקט דורך דער צענזור קומען ביי אים צום אויסדרוק.

זיינע העלדן זענען „תלושים”, אויסגעריסן פון זייערע היימען און וועלטוואַנדערער און דער גאַנצער עלנט פון פארוואָגלטן מענטש ווערט ביי אים געשילדערט, און עס כאַפּט אָן אַן אומעט, אַז מען באַגעגנט זיך פנים אל פנים מיט די דאָזיקע גאלעריע פון העלדן, וואָס זענען אויפן שוועל פון יאוש.

דאָס אי־ראַציאָנעלע אין מענטשן געפינט ביי שאפמאַנ׳ען אַ באַשייד, ער שילדערט מענטשן, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייערע תאוות. מנחם ריבאלאוו האָט אַמאָל ריכטיק באַמערקט, אַז שאפמאַן האָט ליב דאָס שארפסטע און פּיקאַנטע; דאָס וואָס רעגט אויף דאָס געמיט און באַווייזט דעם מענטש אין זיין נאַקעטקייט, אַזוי ווי ער איז — נישט פארשלייערט און נישט פארפּוצט. זיינע פּסיכאָ־אַנאליטישע אַנאַליזן ווארפן אַריין אַ בריק צווישן גוי און ייד”.

ווי י. ח. ברענער אַזוי אויך שאפמאַן, איז דער מייסטער פון דער דערציילונג, ווו דאָס קול פון בלוט ווערט נישט פארשוויגן. „קול הדמים” הייסט איינע פון זיינע בעסטע דערציילונגען.

ג. שאפמאַן האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין דער עסטרייכישער שטאָדט גראַץ, ווייט פון קעסל פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. ער איז אַ מענטש מיט אַ זייער ריין געוויסן, און זיין אמת׳ע ריינע פּערזענליכקייט האָט געלעגט אַ חותם אויף אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון זיין פעדער. ער איז טרוימעריש אין זיינע סיפּורים און אויך אין זיינע עסייען. זיין בוך „בטרם ארגעה”, וואָס איז אַרויס אין תל אביב איז אַ פּערל אין אונזער נייער ליטעראַטור אין ישראל.

ער שילדערט ווירקליך דאָס זודיקע בלוט, ער מאָלט די נשמה פון גרויסן בעל־תאווה׳ניק, וואָס זיין נשמה איז צושפּליטערט אין היפוך׳דיקע יסודות, וואָס קעמפן איינע מיט די אנדערע.

שאפמאַן איז קורץ און רמזים׳דיק, ער שילדערט מיט אַ „די לחכימא ברמיזא” (אויפן ווונק זיך פארשטיין). ער מאָלט דעם מענטש ווי אַ רינג אין אַ קייט פון תאווה און נסיונות.

„דער סטיל איז דער מענטש” איז אַ באַוווּסט אנערקענט וואָרט, און שאפמאַן איז אייגנאַרטיק אין זיין סטיל, אַזוי אין דער דערציילונג, אַזוי אין דער עסיי. ער איז רעאַליסטיש, אָבער פארוויגט אויך דעם לעזער אין אַ זיסן חלום.

ווי ענלעך איז זיין שרייבן צו י. ח. ברענער, וואָס שרייבט אין זיין הקדמה צו זיין ראָמאַן „בחורף“ (אין ווינטער):

„מיין לעבן איז אַן אַנצירונגס־צייכן, ס׳איז אַ שרעקליכע טראַגעדיע“. אויך ביי שאפּמאַנען זענען די העלדן אַזוי ווי ביי ברענער׳ן, פּעסימיסטיש. די ביטערע טראָפּנס פון לעבן פאַרביטערן די זיסע טראָפּנס. ס׳איז בין־ השמשות׳־דיק די זון, זי גייט אונטער און שיידט זיך אָפּ פון דער וועלט. ס׳איז עפּעס אַזוי אומעטיק, אָבער דאָך איז די וועלט פול מיט סודות׳דיקן גערויש, אַ שלל פון קאָלירן, און דער מענטש איז עפּעס אַזאַ ווייטער זעגעל, וואָס שיפט זיך אויף די ימ׳ען — אַזאַ איז דער מענטש ביים מייסטער שאפּמאַן.

---

## ס. פאַלמע

### מיין נעכטן

(פון דער סעריא „אין זיך“)

א

עס גלגולט אויף דער נעכטן היינט,
אַ שטילער פריינט
און מיט סאַמעט־ווייכע טריט
ווי דער געמיט
און מיט ווערטער ניט־דערזאָגטע, קוים פאַרשטענדלעכע
און מיט בליקן זוכנדע, צו מיינע ענלעכע
און אַזוי מיד,
איז ער מחדש מיר אַן אָפּגעזונגען ליד
קוים צו הערן;
ווערן ספקות געבוירן, שלינג איך טרערן:
כ׳זע די שטרויכלונגען און חלומות די פאַרבלאַסטע,
כ׳זע אויך וועגן זיגזאַגישע, היינט פאַרהאַסטע,
די מיט טויזנט שליאַכן באַטראָטענע אָן אחריות,
פון גולם׳עס מיט העויות
פון „דערלייזער“ און מיט אויסגעטראַכטע זיגן;
זע איך דאָרט אַ גולם וואָס האָט צו הימלען הויך געשפּיגן
און מיט גוואַלד די זון פונם הימל־שייד געריסן
און אויף רעכטס און לינקס, טאָגנט מיט בייטשן געשמיסן
אָן געוויסן,
אַז הימל האָט פאַר חרפּה אויף פּורפּור זיך געפאַרבן;
איז עס פלוצים אַלץ אינם קראַטער־ברויז געשטאָרבן,
אָן ווידוי און פון קיינעם ניט געזעגט,
סתם אַזוי ווי קיינמאָל ניט געשען.



ב

יאָ. — עס גלגולט אויף דער נעכטן היינט, אַן אָפּגענאַרטער.
אַ באַצערטער.
אינם עבר אָפּגעגאַנגענער,
אַרום דעם האַלדז אַן אויפגעהאַנגענער,
מיט ציטער זיך וויגנדיק הין און הער,
קלאָגט זיך נעכטן. פאַלט ניט ווילנדיק אַ טרער
פאַר זיין צער —
ס׳וויל ניט שיידן זיך דער נעכטן פון קרוין און האָר...

ג

שושקעט נעכטן — „איז וואָס?
ביז דאָך פאָרט מיין באַלעבאָס,
בייזאָם געגאַשט דאָך און געזויפט,
נון, גייט עס אַלץ אַזוי פאַרגעסן און עס לויפט:
נעם־זשע איצט און פאַרקנעט דיין לייב,
נעם אַ כלה זיך, אַ ווייב,
שטילע שעה׳ן צו דערפרייען,
ווייען צו פאַרטרייבן, אָט אין צווייען..“

ד

וואַכט דער היינט צוקאָפּנס מיר, — ער וויל זיין פריי,
פריש און ניי
ווי אַן ערשט־געבוירן קינד
אַצינד,
מיט אַ לוסט, אָן אילוזיע צו געניסן,
אויסצושיסן
אין דער גינגאָלד זון אַריין, —
אַז אַ שפּליטער כאָטש, זאָל אויך זיין, מיין!...

„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם“
די נייע פּאעמע פון דער דיכטערין חוה ראזענפארב

צו באַקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פּרייז 5/6 —
ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.

י. ל. פיין

## לאַך, ברודער, לאַך

וועו דאָס לעבן לאַכט דיך אויס
לאַך ברודער, לאַך.
שטעל דער וועלט אַ צונג ארויס
און לאַך ברודער, לאַך.
ווייל לאַכן האָט אַ שטאַרקע מאַכט
די וועלט לאַכט מיט מיט דעם וואָס לאַכט
דאַרום לאַך ברודער, לאַך . . .

וועו פריינט ריידן גוט פון דיר
לאַך ברודער, לאַך.
און ווען זיי צאַפּן בלוט פון דיר
לאַך ברודער, לאַך.
ווייל פריינט קריגט מען ווען מען לאַכט
ניט ווען מען הונגערט און מען שמאַכט
דאַרום לאַך ברודער, לאַך . . .

ווען דיין האָפנונג ווערט צושוואומען
לאַך ברודער, לאַך.
ווען יאוש האַלט דיך אַרומגענומען
לאַך ברודער, לאַך.
ווייל דיין געוויין וויל קיינער הערן
מען וויל געלעכטער, ניט קיין טרערן
דאַרום לאַך ברודער, לאַך . . .

ווען דיין לעבן זינקט ביי דיר
לאַך, ברודער, לאַך,
און ווען דער טויט שוין ווינקט צו דיר
לאַך ברודער, לאַך.
ווייל אויב איינזאַם עלנט ביסטו היינט
וועסטו נאָכ׳ן טויט כאָטש האָבן פריינט
דאַרום לאַך ברודער, לאַך . . .

---


„דער משפט“ פון מאַריס קאַץ
פּרייז 15 שילינג

צו באַקומען אין בוך האַנדלונגען און ביים מחבר:
M. KATZ, 85a, LORDSHIP PARK, LONDON, N.16


---



אריה שדמי (לייבוש שאפענפעלד) דן

## קאַראַוואַנען
(פּאָעמע)

מיין טאַטן געהייליקט.

המשך

.2

א

נאַכט אזא מין רואיקע און שטילע,
נאַכט אזא מין לויטערע און שיינע,
נאַכט אזא — צו טון פאַר דיר איצט תּפילה,
נאַכט אזא — דאָס האַרץ זיך אויסצוויינען...

נאַכט אזא — צו טון פאַר דיר איצט תּפילה.
(ס׳פעלט אַ גאָט, ס׳פעלט אזוי אַ גלויבן)
העלף אַ, נאַכט, ס׳זאָל שוין זיין דיין ווילן
זעלנרו שענקען און דערהויבונג.

העלף אַ נאַכט, ס׳זאָל שוין זיין דיין ווילן!
שענק אונז רו, שענק פון איר אַביסל,
זאָל זי אונז באַרויקן און שטילן,
אין הערצער זיך צעוויטיקטע צעגיסן...

זאָל זי אונז באַרויקן און שטילן — —
שענק אונז, נאַכט, שענק אונז רו אַצינדער,
נאַכט, אַ דו, איך טו צו דיר איצט תּפילה
פאַר שלאָפנדיקע מענטשן און פאַר קינדער.

ב

העלע נעכט, בלענדנדע און ווייסע,
ווי שיין ס׳זענען נעכטן אין לאַנד כנען —
נעכט ווי אויסגעטאָקטע אין אַ מעשׂיה,
נעכט אזעלכע הערלעכע פאַראַן...

נעכט ווי אויסגעטאָקטע אין אַ מעשׂיה,
מיט הימל און לבנה און מיט שטערן —
אין נעכט אַ־די האָט גורל דיר געהייסן
האַלטן ביי דעם צינגל פון געווער...

אין נעכט אַ־די האָט גורל דיר געהייסן
וויטן מיט די אויגן דיינע שפּאלטן ;
אין נעכט אזעלכע געטלעכע און ווייסע
וואַך זיין און ליגן ווו באהאלטן.

אין נעכט אזעלכע געטלעכע און ווייסע,
אין זילבערנעכט אָט דאָ ביי אונז אין לאנד —
באַוואָפנטער און גרייטער, שומר שטייסטו,
באַוואָפנטער מיט ביקס אַצינד אין האנד...

ג

מען טאָר זיך נישט צעסטראָיען און צעפידלען,
מען טאָר זיך נישט, מען טאָר זיך נישט פארגעסן.
ס׳שלאָפן איצט חברים מיינע מידע
נאָך ארבעט שווערער ווו אין די פּרדסים.

ס׳שלאָפן איצט חברים מיינע מידע. •
דאָס ליכטל האָט דאָס לעצטע זיך פארלאָשן,
איך בין איצט באשיצער און דער היטער
פון שלאָפנדיקע מענטשן און פון פיאָשן.*)

איך בין איצט באשיצער און דער היטער —
איך דער מענטש מיט שטילע סענטימענטן,
איך וואָס שרייב נאָך סאמעט־וויכע לידער —
היטער איצט פון הונדערט מידע מענטשן...

איך, וואָס שרייב נאָך סאמעט־וויכע לידער,
מיט ביקס איך שטיי, באַמבעס און פּאטראָנען.
באוואפנטער פון קאָפּ ביז פיס איך היט איַצט
אין נעכט אזעלכע ווייסע, פול סכנה...

ד

שטילע נאכט. איך שווים אין סענטימענטן,
ס׳האָט זעל זיך מיר צעשפּילט היינט און צעגאָסן.
אויף גרויסן שטח שטיי איך דאָ איין מענטש איצט,
ווי אויף אַ שיף אַן איינזאַמער מאַטראָז.

---

*) טוריע (זע ווייטערדיקע באמערקונג)



אויף גרויסן שטח שטיי איך דאָ איין מענטש איצט
און קוק אַרויס און וואַרט אויף די סיגנאלן :
אפשר האָט אַ שריפה זיך צעברענט ווו,
אפשר ווו אַ מענטשן איבערפאלן ?...

אפשר האָט אַ שריפה זיך צעברענט ווו ?
אפשר ? — און הונדערטערליי אפשר׳ס.
אפשר האָט אַ שאָטן זיך דערנענטערט
ווי אָפּט אַזוי, ווי אָפּט אַזוי דאָס טרעפט זיך...

אפשר האָט אַ שאָטן זיך דערנענטערט ?
בערג אפרים פרעמדע אלץ נאָך דראָען...
נאַכט אזא העלע און צעבלענדטע,
און זעל אזא צעשפּילטע און צעסטראָיעט...

ה

שטיל אין דעם קבוץ פון הונדערט מענשן,
גאָטגעבענשטע, זאנפטע אָפּרו־שעה׳ן.
כ׳גלוסט זיך אויסצושטרעקן מיינע הענט איצט
און בענטשן יעדן איינעם פון דער נאָענטס.

ס׳גלוסט זיך אויסצושטרעקן מיינע הענט איצט,
ווי ס׳פלעגן אַמאָל טון דאָס די כהנים —
און מידע מיינע ברידער איצטער בענטשן ;
אַלע, וואו זיי זענען איצט פאראנען.

מידע מיינע ברידער איצטער בענטשן
פאר אלעמען, וואָס כ׳האָב אָ דאָ געטראָפן :
פאַר אַלעמען, וואָס ביז אַצינד געווען שוין,
פאר נעכט די לאנגע־שווערע, נישט דערשלאָפן...

פאר אלעמען, וואָס ביז אַצינד געווען שוין,
פאר צייטן די, וואָס וועלן שווערע קומען — — —
אָ, גיב אונז כח, גיב די מידע מענטשן,
גיב אונז כח אלעס בייצוקומען !...

ו

נאכט אַצינד. היינט בין איך אַ שומר
און מאָרגן וועל איך באָדן זיך אין שוויס ווו.

איינגעהויקערט קריכן אונטער בוימער,
פאר לוין אַזאַ מין קליינעם אין פרדסים.

איינגעהויקערט קריכן אונטער בוימער,
איינגעקאָרטשעט אָט אַזוי אין פירן —
רייסן מיט די ציין דאָס הארטע ליים דאָ
מיט שווערער, שווערער האַק טוריע*)

רייסן מיט די ציין דאָס הארטע ליים דאָ
אָדער ווו אין פעלד זיך ערגעץ פרעגלען —
מיט רויזן איז נישט אויסגעבעט מיין היים נאָך
און שלעכטס אַסך אַזויפיל אויף די וועגן...

מיט רויזן איז נישט אויסגעבעט מיין היים נאָך,
כאָטש רייך דו ביסט מיין לאנד כנען — — —
אָ, וויפל נאָך פאראנען זענען שטיינער,
אָ, וויפל זענען שאלות נאָך פאראן ?...

ז

פארשטאָפּט מיר האָבן אלע זיך די אויערן
פאר העסלעכן געוויין פון די שאקאלן
און ציגל אויף אַ ציגל דאָ געמויערט
פעסט אַזוי — נישט אַראָפּצופאלן.

אַ ציגל אויף אַ ציגל דאָ געמויערט
און שטיינדל צו אַ שטיינדל צוגעפעסטיקט,
און לאנג אַזוי, לאנג דאָס האָט געדויערט
ביז וואַנד נאָך וואַנד איז געוואַקסן גרעסער.

לאנג אזוי, לאנג דאָס האָט געדויערט,
שווער געווען אַזוי אַ יעדער שריט דאָ;
נישט איינמאָל האָט אַרומגעכאַפּט אַ טרויער
און שיער דאָס בינטל מענטשן נישט צעשפּליטערט.

נישט איינמאָל האָט רומגעכאַפּט אַ טרויער
און שטילערהייט אַ יעדן דאָ געמאטערט —
נאָר ציגל האָט אויף ציגל זיך געמויערט
און וועגט געוואָרן שענער אלס און גלאטער...

*) טוריע — פּיאָש, מין האק צום באארבעטן די ערד.



ח

ביז עפּעס אין אַ טאָג אַזאַ מין שיינעם,
נאָך טעג, וואָס זענען פיל אָט דאָ פארגאנגען
האָט אָנגעהויבן פילן יעדער איינער,
אַז לעבן איז דאָ אַנדערש אויפגעגאנגען.

ס'האָט אָנגעהויבן פילן יעדער איינער
פרייד אָט די, וואָס האָט אָ דאָ צעהעלט זיך:
דעם זיסן טעם פון וויסן, אַז ס'איז דיינס אלץ,
אַז דיינע איז די ערד דאָ און געצעלטן.

דעם זיסן טעם פון וויסן, אַז ס'איז דיינס אלס
און סטאציע דיינע ערשטע איז כפר־סבא —*)
דאָ איז זי, די אויסגעבענקטע היים דיר;
דאָ וועט זיין דיין מיטוואָך און דיין שבת...

דאָ איז זי די אויסגעבענקטע היים דיר —
(ווי זיס און גוט ס'איז אַזאַ דערקענונג)
שטרעק דאָ מידער ברודער אויס די ביינער,
רו זיך אָפּ צווישן אָט די ווענט דאָ!

ט

שטילע נאכט. באַרויק זיך מיין זעל איצט.
פון אלע זייטן פינקלען פּראָזשעקטאָרן.
אַ ליכטער שיין געוואָרפן און ווי העל ס'איז —
אויף דינעם פאס אַ רגע טאָג געוואָרן...

אָ ליכטער שיין געוואָרפן און ווי העל ס'איז.
ס'דרימלט נישט און שלאָפט נישט אונזער היטער;
ער גראָבט זיך איין אין וועלדער און אין פעלדער
און לעכערט יעדן בוים אַדורך און בליטל.

ער גראָבט זיך איין אין וועלדער און אין פעלדער,
ער צירקלט אלץ אַרום אין אלע וועגן. —
אָרום דיר ד*, שלאָפנדיקע זעלנער,
גרייטע צו דיין רוף אַ יעדע רגע.

*) אַן אַלטע מושבה אין שרון

אַרום דיר דאָ, שלאָפנדיקע זעלנער.
(מיר זענען עס נישט ווילנדיק געוואָרן)
באַרויק זיך, באַרויק זיך, מיין זעל איצט —
עס פינקלען און עס שיינען פראָזשעקטאָרן...

י

מיר זוכן נישט קיין גבורה, הויכע מעשים,
מיר ווילן זיך מיט גאָרנישט דאָ באַרימען,
מיר זוכן נישט קיין שבחים און זיך גרייטן
מיט לעבן דעם אין אונזערן אַרומעט.

מיר זוכן נישט קיין שבחים און זיך גרייטן,
כאָטש ס׳לעבן מאכט אַליין אונז פאר גבורים.
צייט אָ די, וואָס האַלט נאָך אין איין שמייסן
לערנט אלס און קנעלט מיט אונז איר תורה.

צייט אָ די, וואָס האלט נאָך אין איין שמייסן —
ס׳לעבן דאָ, וואָס האָט אונז פיל געלערנט,
האלט נאָך אלס, האלט אין איין באַווייזן
וואונדער שבוואונדער אויף דער ערד דאָ.

ס׳לעבן האלט נאָך אלס אין איין באַווייזן
נסים אויף די בערגער דאָ און טאָלן — — —
מיר זוכן נישט קיין גבורה, הויכע מעשים,
מיר ווילן נאָר ארץ ישראל !...

יא

סוף זומערנאכט נייַנצענזיבנאונדרייסיק.
בילדער פאר די אויגן אויפגעשווומען
פון ערשטן טאָג מיין קומען, מיין בראשית
ביז איצטער צו דעם וואָלקנפולן הימל.

פון ערשטן טאָג מיין קומען, מיין בראשית
(כאָטש צייט אַזאַ מין קורצע איז פארגאנגען)
וויפל האָט דאָ אָפּגעטון זיך נייעס,
וויפל זענען מענטשן אויסגעגאנגען ?...

וויפל האָט דאָ אָפּגעטון זיך נייעס,
וויפל האָסטו לאנד זיך אָנגעליטן ?



(שווער אַזוי, שווער אַזוי, — פארשטיי עס —
כ׳וואָלט דאָס אַלץ גערן אויסגעמיטן).

ס׳איז שווער אַזוי, שווער אַזוי — פאַרשטיי עס —
שטיינער נאָך אויף יעדן שריט און טריט דאָ — — —
אָ, גיב אונז כח, גיב עס זאָל אונז סטאַיען
דורך בין־הזמנים דעם זיך דורכצושליטלען...

יב

דאָ איז זי מיין היים, די אויסגעווינטע,
מענטשן מיינע אייגענע און נאָענטע —
דאָס לעבן וואָס האָט אונז דאָ פאראייניקט,
האָט גורל אינם זעלבן אונז פארפלאָנטערט.

דאָס לעבן וואָס ס׳האָט אונז דאָ פאראייניקט,
אַלע דאָ אַהער צונויפגענומען —
וועט אונז נאָך פארגעלטן און באַשיינען,
שענקען רייפע פרוכטן אינם זומער.

ס׳וועט אונז נאָך פארגעלטן און באַשיינען,
ס׳וועט אונז נאָך באַצאָלן פאר די ליידן,
פאַר אַלע שווערע טעג אָט די און פיינען
האָט לעבן אונזער שכר שוין אָנגעגרייט דאָ.

פאַר אַלע שווערע טעג אָט די און פיינען,
פאַר בלוט אונזערס פארגאָסענעם אין לאנד דעם
און צער אָ־דעם, וואָס מינערט דאָ נישט קיינעם —
וועסטו אונז פארגעלטן לעבן אַנדערש !...

כפר־סבא, אַפּריל—סעפּטעמבער, 1938.

אַרויס פון דרוק:
„די בייגעל-פארקויפערין ביים דניעפּר“ און אַנדערע דערציילונגען
פון מארקס קאהען
צו באקומען אין אלע יידישע בוכהאנדלונגען און ביים סעקרעטאר
פון „פריינט פון יידיש לשון“:
N. RUBIN, 193, Evering Rd., Clapton, E.5.

## יוסף הלל לעווי

# רייזע איינדרוקן פונם קאנטינענט

## אמסטערדאם

אמסטערדאם איז אן אלט בארימטע היסטאָרישע שטאָדט, וועלכע האָט אַמאָל אַ היפּשע ראָלע געשפּילט אין דער יידישער געשיכטע.

נאָר דאָס בונטע באוועגטע יידישע אמסטערדאם איז מער נישטאָ. אַ מאוימדיקן רושם מאכט דער ביטערער חורבן! און ווי לאנג איז עס דען אין גאנצן, ווי עס האָט דאָ נאָך געברויזט און געקאָכט מיט יידישקייט?...

אינם אלטן אמסטערדאם, נעבן דעם בארימטן רעמבראנדט־הויז, — ווו דער געניאלער מייסטער האָט געלעבט און איז נישט זעלטן אינספּירירט געוואָרן פון דעם ארומיקן קלאנגפולן בונטן יידישן לעבן, — האָט זיך געצויגן אַ הויפּטגאס, „יאָדן־ברעיסטראַט", אן אייגנטימליכע אלטע גאס, מיט געשניטן און געפלאָכטענע געסלעך. אין דער דאָזיקער געגנט האָבן כמעט אַ 25,000 יידן געוווינט. דאָס איז געווען דער באוועגלעכסטער צענטער פון דער שטאָדט מיט שולן, בתי־מדרשים, צוויי מערק מיט אָן אמת'דיקן טאַראַראַם אויפן קראָקעווער, לעמבערגער און ווארשעווער אופן. אין די דאָזיקע געסלעך פלעגן זיך טאָג־טעגלעך אָפּשפּילן אַ זער באַוועגלעכער מקח־וממכר: פון די הורטגעשעפטן, ביז צום הערינג פארקויפער און שמאטעס הענדלער.

אַ גאָר באזונדערן טיפּ האָבן געבילדעט די קצבים, פישער און טרעגער. דאָס זענען געווען האָראָפּאַשנע, פעסטגעבויטע יידן — וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געלאָזט באַ'עוולה'ן; נאָר פאר יעדער עוולה אָפּבאַצאָלט ווען עס איז נויטיק געווען מיט דרענגער, מעסער און שטריק.

אין דער דאָזיקער געגנט זענען בלויז איבערגעבליבן לזכר צוויי גרויסע שולן: די פּראכטפולע אלטע געביידע פון דער ספרדישער שול, וואָס שטייט אקעגנאיבער דער אשכנזישער. ביידע פאר'אבל'ט — די אשכנזישע מיט צושמעטערטע שויבן און אויסגערויבטע טירן, און זיי קוקן זיך ביידע באטריבט אָן ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויפשלוכצן אויף דעם בראָך פון זייערע אויסגעהרגעטע מתפללים...

ווי אַ דאָרן אין אויג האָט עס די דייטשע פארברעכער געשטאָכן די ספרדישע שול. און וויפיל מאָל זיי האָבן זיך נישט מטריח געווען די שול חרוב צו מאכן, איז עס די האָלענדישע פערזענליכקייטן תמיד געלונגען די גזרה צו פארציען, ביז צו דער באַפרייאונג.

פונם ריין ארכיטעקטאָנישן שטאנדפּונקט, איז די ספרדישע שול אן אמתער אוניקום, און דאטירט פונם יאָר 1675. פון דרויסן איז זי ארומגערינגלט פון דריי זייטן מיט נידעריקע הייזלעך, וואָס זענען באַשטימט פאר דירות — פאר די חזנים, שמשים וכדומה. מיט האָלן פאר אַ ביבליאָטעק און אסיפות וואָס פארשטעלן פון דער גאס דעם הויף וואָס פירט צו דער שול.



פון קדמונים זענען זיך די ספרדים נוהג נישט ארייגצוברענגען קיין שום שנוים אין דעם מקום קדוש — אין וועלכן זיי האָבן זיך געשפּיגלט ווי אן אבן טוב. אין דער דאָזיקער שול הענגט אַ גאנץ יאָר קיין פּרוכת נישט איבער דעם ארון קודש, זכר לחורבן... און עד היום ווערט די שול נאָך באלויכטן מיט חלבנע ליכטלעך, וואָס ברענען זיך נישט בלויז אין די אנטיקע מעשענע הענגל־לייכטער, נאָר אויך איבער יעדן זיץ־אָרט פון מתפלל איז אָנגעבראָכט אַ לייכטערל מיט אַ ליכטל.

זעקס הונדערט און דרייצען אַזעלכע ליכטלעך, — כמנין תרי"ג מצוות פאָר די מענער שול, מיט די ווייבער שול דערגרייכן די ליכטלעך אַ קנאַפּע 1,000. אַ חוץ אַ מנין מענשן, איז די שול דאָרט תמיד כמעט אַ ליידיקע, און דער חזן וואָס שטייט אויפן בעלעמער דאוונט פאר הונדערטער ברענענדיקע ליכטלעך, וועלכע זענען ממלא די הונדערטער פארברענטע מתפללים וואָס פעלן איצט אויף די ליידיקע בענק...

קומט מען אין דער יידישער געגנט (שרייבט מ. קאוואדלא אין אַ קורצן רעפּאָרטאַזש) „קאָן מען זי מער נישט דערקענען. די יידן זענען מער נישטאָ, די הייזער אין גאנצן חרוב, ווייל די אמסטערדאמער באפעלקערונג, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט זיין אָבער אַ פאקט איז עס — די זעלביקע וואָס האָבן זיך צווישן די ערשטע קאָמפן צווישן נאציס און יידן אזוי פּראכטפול סאָלידאַריזירט מיט די יידישע איינוווינער, די זעלבע באפעלקערונג האָט אַפילו צערויבט אלץ פון די יידישע שטובן, שפּעטער צענומען די טירן און פענסטער פון די הייזער, דערנאָך דאָס געהילץ פון די שוועלן און בעלקעס ביז די הייזער זענען צופאלן אין קופּעס גרוזע פון ציגל און ליים. דער האָלענדישער מענטש פארענטפערט זיך בכן, אז דאס איז אלץ געשען אין דער פעריאָדע 1945, ווען די דייטשן האָבן דאָס פאָלק אויסגעהונגערט און אין די גאסן זענען מענשן געפאלן ווי פליגן, אין די קירכעס זענען געלעגן בערג מיט מתים! און דער געשטאנק האָט די גאסן פארפעסטעט, מענטשן האָבן זיך געלאָזט אין די דערפער מיט אַ רינגל אָדער אַ ווערטפולן חפץ, מחמת דער פויער האָט ניט געוואָלט מער קיין פאפיר־געלט, נאָר אַ שטיק צירונג פאר עטליכע קארטאָפל... דערפאר האָבן מענטשן דיביימער פון די אלייען אויסגעהאקט, און די הילצערנע בלאָקלעך פון די טראַמווייען אויפגעבראָכן, כדי צו קענען אָנוואָרעמען אַ ביסל וואַסער, אונטער דער געפאר דערשאָסן צו ווערן פון די שוואַרצע פּאָליציי אָדער געסטאַפּאָ אין יענער צייט — זאָגן די האָלענדער — איז דאָס לעבן געווען הפקר, ממילא אויך די הייזער. פאקטיש אָבער זענען די יידישע הייזער צערויבט געוואָרן באלד אַ טאָג, אַ שעה, נאָך דער דעפּאָרטאַציע, און אָפּט אידער מען האָט נאָך די יידן פון די הייזער־געטריבן, האָט מען שוין פאר די טירן געוואַרט מיט העק, די ווענט אויפצוברעכן, כדי זיך דערשלאָגן צו די פארבאָרגענע אוצרות פון די יידן. און נישט ערשט אין צייט פון הונגער פעריאָד 1945, נאָר זייט דער ערשטער דעפּאָרטאַציע פון 1941 אָן".

כמעט 4,000 איינגעלייגטע הייזער ציילט מען בלויז אין דער יידישער

געגנט. פון די פּאָר דער מלחמהדיקער באַפעלקערונג פון 150,000 האָלענדישע יידן, זענען בלויז געבליבן 24,000, שוין אַריינגערעכנט האַלבע יידן און געמישטע חתונות. און פון די 4,000 מזרח־יידן זענען נאָר געבליבן אַן ערך פון 800, די דאָזיקע גרופּירן זיך אַרום דעם יידישן קולטור פאַראיין פון ש. אנסקי וואָס איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ פּאָר איבערגעבענע אידעאַליסטן און ציילט ביי אַ 200 מיטגלידער.

הכלל, פון דעם אַמאָליקן שיינעם יידישן ישוב אין האָלאַנד איז נאָר נאָך אַ קליידער טייל פאַרבליבן. און הגם אַ סך פון דער שארית־הפליטה האָבן זיך ווידער באַוויזן ווי נישט ווי איינצואָרדענען, (און אַ טייל גייט עס אויך מאַטעריעל נישט שלעכט) זענען זיי פּאַרט גייסטיק און פיזיש שווער געטראָפן געוואָרן... און טאַקע דאָס ביסל יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן וואָס שפּילט זיך היינט נאָך אָן אין אַמסטערדאַם, איז נאָר צו פאַרדאַנקען די שוין פריער דערמאָנטע פּאָר אידעאַליסטן פונעם אנסקי פאַריין: ווי יצחק ראַפּאַלאָוויטש, פּאַרזיצער, פלאַט, סעקרעטאַר, יוסף הלל באָרענשטיין, קאַסירער, עדעלשטיין, טעכנישער לייטער, צוקוק, ברוך עקאַנאַם, און צוגאַב, רחלע עלזבאַך און א. ליפשיץ.

די זיבן פּאַרשוין איז פשוט צו פאַרדאַנקען וואָס דאָס ביסל מזרח־יידן פון אַמסטערדאַם ווערט נישט פאַרשלונגען פון קולטורלאָזיקייט, אַסימילאַציע אָדער פון דיסאינטערעסירטקייט.

עס איז באמת רירנדיק מיט וואָסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ליבע די דאָזיקע מענטשן זענען איבערגעבן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. דער אנסקי פאַריין באַשטייט פון צוויי ליכטיקע ציכטיקע זאַלן מיט אַ פאַרהעלטניסמעסיקע גוטע ביבליאָטעק, מאַנאַטסשריפטן, זשורנאַלן און אויך פון אַ פיינעם אַמאַטאָרן־קלוב אין וועלכן עס צייכנט זיך אויס מיט פיל טאַלאַנט די זינגנדיקע און שפּילנדיקע רחלע עלזבאַך. דער פאַריין האָט שוין באַוויזן (נאָך פאַרן און נאָכן קריג) אַ סך יידישע שרייבער און קינסטלער מיט אַ געהעריקער ווירדע אויפצונעמען, און אויך צו אַראַנזשירן פיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע פאָרשטעלונגען. דער שרייבער פון די שורות האָט זיך אויך באַגעגנט מיט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע יידן, און צו זיי געהערן ראשית כל: ר׳ שלום קירש, דער זון פון דעם געוועזענעם באַוווסטן חזן אין דער קראָקעווער „הויכע־שול״ ר׳ אַלטער קירש ז״ל, און טאַקע פון זיין אָפּגעהיטענעם קענעוודיקן און פרומען פאָטער, האָט דאָס זיין זון ר׳ שלום קירש איבערגענומען צו זיין אַ גרויסער למדן, ירא שמים, מנגן און דער עיקר דאָס אידעלע עניוות, אָנגעהערנדיק צו דעם פריערן אייגנאַרטיקן טיפּ פונם גאַליציאַנער משכיל, וועלכער האָט זיך נישט מיט ש״ס און „פּוסקים״ אַליין געקוויקט, נאָר אויך מיט חסידות; האָט דער דאָזיקער משכיל, מיט נישט ווייניק התמדה געלייענט: געטע, שילער, היינע, מיצקעוויטש און סלאָוואַצקען.

ער איז געווען אויך אַ פלייסיקער לייענער פון דער אַמאָליק עסטרייכישער ביז גאָר אָנגעזעענער ווינער „נויע פרייע פּרעסע״.



אָבער דאָס אַלץ האָט אויף אַ האָר נישט געהינדערט דעם דאָזיקן פרומען משכיל, מיטן וואַרעמען גרויסן חסידישן הארץ אויך צו זיין אַ שטאַרקער אינטערעסענט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, און אויסצושרייבן דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ צייט די לאַנגע יאָרן וואָס ער געפינט זיך אין אַמסטערדאַם.

און נאָך די אַלע עינויים קשים און שבעה מדורי גיהנום וואָס דער גרויסער סבלן איז אדפּרכגעגאַנגען, פאַרלירנדיק זיין איינציקן געראָטענעם עלוישן זון, דעם טייערן למדן זכר צדיק לברכה, איז ער חלילה נישט אַריינגעפאַלן אין ספקות נאָר ווייטער פאַרבליבן אַ פעלדזן פעסטער בעל מאמין וועלכן ס׳איז פשוט צו באַוווּנדערן פאַר זיין ערלעכקייט, ריינקייט, אויפריכטיקייט און גוטסקייט.

ס׳איז פשוט אַ נחת־רוח געווען מיט אים צו רעדן, אַרויסצוגעפינען זיין עטישן שייכות צו מענטש, גאָט, געזעלשאַפט, יידנטום און פּאָליטיק... די אַמסטערדאַמער יידישער קהילה מעג זיין שטאָלץ מיט אַזאַ מיטגליד!

דער צווייטער טיפּ איז געווען יוסף הלל באָרענשטיין, אַ ייד אַ פאַבריקאַנטל, און אַ פיינער תלמודיסט מיט אַן אמתדיקן גמרא־קאָפּ, אַ גרויסער חקרן מיט אַ סך ערודיציע און אַ טיפן סאָציאַלן געפיל וואָס איז שקול כנגד כולם...

דער דאָזיקער יוסף הלל באָרענשטיין איז אַ זון פון דעם געוועזענעם גרויסן למדן און לשון קודש קענער ר׳ יחזקאל וואַלבראָמער ז״ל מיט וועלכן עס זענען אויך לאָבוד געגאַנגען אַ סך וויכטיקע רעליגיעזע כתבים וואָס ער האָט אַליין מחבר געווען.

און עפּעס טאַקע נאָר אַזוי ווי דורך אַ נס איז דער י. ה. באָרענשטיין אָפּגעראָטעוועט געוואָרן פונם טויט ווען די אַמעריקאַנער האָבן ביי אים באַמערקט לעבן־סימנים, נאָך דער באַפרייאונג — בעת זיי האָבן אים געוואָלט מיט אַ גאַנצער קופּע־מתים צווישן וועלכע ער איז אויך געלעגן שוין באַגראָבן...

באָרענשטיין געהערט צו די אויסערסט ראַדיקאַלע פּראָגרעסיסטן. און הגם אַליין אַ ייד מיט אַ טיפערן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, האָט ער נישט באַמערקט ווי אַ סך אַזעלכע אינטעלעקטואַלן פון אונז,—אַז זיי זענען מקריב זייער אייגענע און זייערע קינדערס יידישקייט אויף דעם מזבח פון פּראָגרעס...

י. ה. באָרענשטיין האָט אויך געשריבן פאַרשיידענע נאָוועלן, סקיצן, עסייען, לידער און פּיעסעס. און אויך אַ זייער אינטערעסאַנטן וויכטיקן טאָגבוך פון די האָלענדישע יידן וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין אַלע אַרבעטסלאַגערן, קאַצעטן אין דער פינסטערער היטלער־צייט. דאָס דאָזיקע טאָגבוך געפינט זיך אין ניו יאָרקער „ייוו״אָ״.

אַ פּראַקטיקער און פּאָרט אַ טרוימער, באַזיצט ער אָריגינעלע מחשבות, וועלכע ער וואָלט געקענט ביי אַ שטאַרקערער קאָנצענטראַציע אַ סך וואָגיקער געשטאַלטיקן. עס איז צו האָפן אַז ער וועט זיך נאָך רעווידירן...

דעם דריטן טיפ וועלכן מיין ווייניקייט האָט אין אמסטערדאם באגעגנט איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען פוקס. דער פוקסישער יידל אָדער יידישער פוקסל איז געווען דער אמתדיקער קאָנטראסט פון די אנדערע צוויי. הגם אויך אַן אינטעלעקטואל און אַ גוטער יודע ספר האָט אים געפעלט די אָפנהארציקייט, פשוטקייט און ליבלעכקייט פון די אנדערע. דער דאָזיקער ייד פירט דעם יידישן אָפטייל אין דער אמסטערדאמער שטאָטס־ביבליאָטעק.

און ער גלויבט אז בלויז מיט מכלומרשט יידישן קאָמוניזם און יידיש־לשון אַליין אָן יידישקייט קאָן מען זיין אַ יידישער ראדיקאל, און באמערקט אָבער נישט, ווי דער ראדיקאליזם און דער אינטעלעקטואליזם באזירן אויף צוויי כחות — איינער וואָס פירט דעם מענטשן צו זעלבסטלאָזיקייט און עניוות, און דער צווייטער: צו זעלבסטזוכט און סנאָביזמוס; וואָס לערנט אים די פארטיי און דעם פארטיי־פירער העכער שטעלן און שעצן ווי דעם מענטש און די מענטשהייט, נישט וועלנדיק באגרייפן, אז נישט דער מענטש איז פאַר דער פארטיי באשאפן, נאָר די פארטיי פאר דעם מענטשן. דערפאר טאָר דער מינדעסטער מענש אַפילו נישט גרינגעשעצט ווערן ווי די העכסטע פארטיי... און פון תמידן זיצן — מעג עס אפילו זיין אין גרעסטן מקום קדוש ווי אַ טכויער אויף זיין „אונטער חלק׳ל“ מוז אויך דאָס גלאנצנדיקסטע פעלכעל אָפגעריבן ווערן...

בכלל האָב איך אין אמסטערדאמער אנסקי פאריין געפונען אַ היימישן ליבלעכן יידישן קרייז, וועלכער האָט מיר לייכטער און אנגענעמער געמאכט די צייט וואָס איך האָב אין אמסטערדאם פארבראכט.

---

## אליהו פאלושאק

# פרץ, נעכטן און היינט

(רעדע געהאלטן צום 35־סטן יאָרצייט פון י. ל. פרץ אויף אַ ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג פון פריינט פון יידיש לשון, לאָנדאָן)

עס גייט אָן אַ שטילער און רוישיקער פאָגראָם אויף יידיש, דעם לשון און אלץ, וואָס איז געוואָרן געשאפן אויף דער דאָזיקער שפראך. יעדער איינער פון אייך דאָ, פון אונדז אלעמען איז מיטבאַטייליקט און מיטשולדיק אין דעם דאָזיקן פאָגראָם. רואיק און גלייכגילטיק קוקט איר צו, ווי מען שעצט גרינג און דערנידריקט יידישע קולטור־ווערטן און שאפונגען. איר שטיצט נישט און העלפט נישט די, וואָס טרעטן אַרויס שארף קעגן דער קולטורלאָזיקייט און שנאה קעגן יידיש־לשון.

אַן הזכרה־פייערונג איז נישט דער געגעבענער פלאץ פאר אַ פאָלעמיק מיט אַ קעגנערישן צד, וועמענס מעשים ווערן באַאיינפלוסט פון בלינדער שנאה, אומוויסנקייט און פארטיי־פאָליטישע הינטערגעדאנקן. ווייל אָבער עס האנדלט זיך דאָ וועגן פרץ, נאָך וועמענס דערשיינען אויף דער יידישער גאס



מען האָט ערשט געקאָנט אָנהויבן צו רעדן וועגן אַ יידישער ליטעראטור, וויל איך אייך דאָ ברענגען אַ ציטאט פון אליהו שולמאַנ׳ס אַן ארטיקל „די מיסיע פון די ארץ ישראל מיסיאָנערן“ אין „וועקער“, מערץ 1950: „... און יצחק גרינבוים, וואָס האָט זיין גאנצע קאריערע אויפגעבויט אויף יידיש און דורך יידיש האָט אויף דעם זעלביקן קבלת פנים (אַ קבלת פנים לכבוד אָנגעקומענע שרייבער אין ישראל. א.פ.) געזאָגט:

„י. ל. פרץ איז גאָרנישט און שלום עליכם איז גאָרנישט. דאָס, וואָס זיי האָבן אַמאָל געשאפן איז געווען גוט דאָרט. דאָ דארפן מיר עס נישט און די ארץ־ישראל׳דיקע קינדער קענען גאָרנישט לערנען נישט פון פרץ׳ען און נישט פון שלום עליכם׳ען און אפילו נישט פון רמב״ם. דאָס דארפט איר, יידישע שרייבער, געדענקן, ווען איר קומט קיין ארץ ישראל“.

איך גיב אייך אָן די קוועלע, פון וואַנען איך האָב גענומען דעם דאָזיקן ציטאט. די אפּוטרופּסים און אויפבויער פון אַ ניי־יידיש לעבן האָבן די דרייסטיקייט צו זאָגן, אז פרץ איז גאָרנישט און שלום עליכם איז גאָרנישט, צוויי גרויסע נעמען, וואָס האָבן מיט זייער לעבן און שאפן באשיינט די עקזיסטענץ פון מיליאָנען יידישע מענטשן, פון גרויסע יידישע קבוצים.

אַרום פרץ זענען שוין געווען וכוחים און מיינונגספארשידנהייטן נאָך בשעת ער האָט געלעבט. נישט לייכט איז געווען דער וועג, וואָס האָט געפירט אים, דעם פּראָווינציעלן משכיל און מיטלמעסיקן אַדוואָקאַט, פון העבראַיש צו דער יידיש־יידישער ליטעראַטור, צו ווערן דער וואָרט־פירער פון אַ נייער יידישער עטיק, נייע לעבנס־ און קולטור־פאָרמען, און אַ נייעם יידיש־וועלטלעכן לעבן. דער וואולינגערישער עלוי לעאָן פרץ פון זאמאשטש איז געוואָרן דער קלאסיקער יצחק ליבוש פרץ, דער טאטע און פארזאָרגער פון דער יונגער יידישער ליטעראטור און וואָרטפירער פון דער שפעטערדיקער קולטור־רענעסאנס.

נחמן מייזיל, דער באַוווסטער יידישער ליטעראַטור־היסטאָריקער, האָט אָנגעשריבן אַן ערך אַ האלב טוץ ביכער איבער פרץ, זיין תקופה און שאפן. ער האָט אָנגעוויזן דעם שטארקן איינפלוס, וואָס ער, פרץ, האָט געהאט בשעתו אויף די מאָדערנע יידישע שרייבער, דיכטער און קולטור־טוער. „פיל יידישע שרייבער האָבן צו פארדאנקן פרץ׳ען, וואָס ער האָט זיי אָנגערעגט פאר נייע אספיראציעס, וואָס ער האָט זיי אַרויפגעפירט אויף נייע שאפערישע וועגן“. „פרץ האָט נישט אויפגעהערט אויפצונעמען אויף זיך השפעות פון פארשיידענע זייטן. אַ דורשטיקער האָט ער אליין געטרונקען פון די קוואלן, וואָס האָבן גלייכצייטיק אויך באפרוכפערט די יינגערע שרייבער“. (נחמן מייזיל: דורות און תקופות).

ער איז געווען אַן אייביק אומרואיקער גייסט. אייביק האָט ער געהאלטן אין קלעטערן, נישטערן און זוכן, אָט איז עס דער חסידיזם, וואָס אינספּירירט אים צום שאפן, אָט דאָס פאָלקס־ליד, דער רייכער יידישער פאָלקלאָר, דער כשוף פון זאמאשטש און די אויפשטייגענדע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג,

וועמען ער איז געוואָרן און געווען גייסטיקער מנהיג און פאַרבילד.

די השכלה האָט שוין געהאַט אויסגעחלומט איר חלום, אז די אויפקלערונג, די" בת השמים, איז אַ ציל פאַר זיך אליין; אז בילדונג, שפּראַכן־לערנען, אויסערלעכע צופּאַסונג און אָנפּאַסונג צו דער ארומיקער סביבה פונם הארן־פאָלק וועט אויטאָמאַטיש פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און גייסטיקע לאַגע פון די יידישע מאסן. אין בעסטן פאַל האָט די דאָזיקע השכלה מיט איר בילדונגס־ציל געלעזט די פּראָבלעמען פון יחידים. די יידישע מאַסן, די פאַראָרימטע יידישע מאסן, — סיי דעם פּראָלעטאַריאַט, סיי די דעקלאַסירטע, האָט די השכלה נישט מיטגעריסן. אין איר גאנצן מהות האָט די השכלה־באַוועגונג מיט איר „דייטשמעריזם" און ביבלישן „העברייאיזם" גאָרנישט געהאַט קיין נאָענטן צוגאנג צום פּשוטן קליינשטעטלדיקן און אַפילו גרויס־שטאָטישן ייד. צום ייד פון אַ גאנץ יאָר האָט מען שוין געמוזט רעדן אין זיין לשון, אפילו אין אַ געהויבענער פאָרם, אין אַ פיינער און אידעלער פאָרם. פּרץ מיט זיין „מאניש" און שפּעטער מיט זיין „חסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט נעבן מענדעלע'ן און שלום עליכם'ען באַוויזן, וואָסער וווּנדערבארער שפּראַך־אינסטרומענט יידיש איז. דאָס, וואָס ס'איז דער השכלה נישט געלונגען, איז שפּעטער געלונגען דער יידיש־יידישער ליטעראַטור. די יידישע קלאַסיקער האָבן מיטגעריסן גרויסע יידישע פאָלקס־מאסן, וואָס האָבן גייסטיק געבראָכן מיט דעם עבר. די אויפשטייגענדע אויפגעקלערטע יידיש־סאָציאַליסטישע מאסן זענען געוואָרן געטרייע קאָנסומענטן פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור. ס'איז געווען פּרץ, דער ערשטער פון אונדזערע קלאַסיקער, וואָס האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אַ צוזאמענבונד פון יידישע מאסן מיט דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור מיט די יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־מאסן. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט גייסטיק געאָטעמט מיט פּרץ'עס שאַפן. האָט דאָך פּרץ הירשביין אַמאָל געזאָגט: „ביי מענדעלע און שלום עליכם האָט מען געקאָנט לערנען, מיט פּרץ'ן האָט מען דאַן געאָטעמט."

לויט לעאָ קעניג זענען עס אחד העם און פּרץ, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף אונדזער דענקען. אחד העם מיט זיין מרכז רוחני (אז ציון מוז ווערן דער גייסטיקער צענטער) און פּרץ מיט זיין „ראָמאַנטיש־אוטאָפּישער שבת־יום־טוב'דיקער יידישקייט".

זי איז גאָרנישט אזוי אוטאָפּיש געווען די שבת־יום־טוב'דיקע יידישקייט. פאַר פּרץ'ען זענען מיר יידן אַ וועלט־פאָלק מיט אַ קולטור־ווילן און קולטור־שאַפן, אַ פאָלק, וואָס באַזיצט כוחות מיטצוקעמפן פאַר אַ פרייע בעסערע וועלט און דערביי דאָך נישט פאַרלירן זיין אייגנאַרט. פּרץ איז געוואָרן דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער וועלטלעכקייט.

ווייסן מיר דאָך היינט, ווי זיין איינפלוס, זיין שבת־יום־טוב'דיקע יידישקייט, די „אוטאָפּיש־ראָמאַנטישע", איז געוואַקסן אויף דער יידישער גאַס. דערמאָנט אייך נאָר דעם גרויסן קולטור־אויפשוואונג אין דער צייט פון דער



ערשטער וועלט־מלחמה און נאָכדעם. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן זיינען אַרויסגעשפּראָצט ביבליאָטעקן, קולטור־פאַראיינען, יידישע שולן, קולטור־צענטערס אין די קלענסטע שטעדט און שטעדטלעך. ווארשע, לאָדז, ווילנע, בריסק און ביאַליסטאָק, טשענסטאכאוו און וולאצלאוועק, קראקע און טארנאוו, — הונדערטער נעמען קען מען אויפציילן פון אַמאָל פאַרשלאָפענע יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען פארכאפּט געוואָרן פונם גרויסן וועלטלעכן קולטור־דראנג.

און מען מוז אויך ליידער דערמאָנען, אז נישט דער אָפיציעלער פּאָליטישער ציוניזם און נישט די אסימילאציע האָבן עפּעס מיטגעהאָלפן און ביי־געטראָגן צו דעם דאָזיקן שעפערישן קולטור־דראנג, וועלכער, ווי זיי האָבן געגלויבט, איז געשטאנען אין סתירה צו זייערע אייגענע באַשטרעבונגען.

עס איז געקומען דער נאַציאָנאַלער בראָך. דאָס זעלבשטענדיק־פאַרמירטע יידנטום אין מזרח־ און צענטראל־אייראָפּע איז פון אַ חיה'שן שונא געוואָרן פאַרטיליקט. דער גרויסער צוויי און אַ האלב־מיליאָניקער יידישער פאָלקס־קערפּער אין רוסלאנד, מיט וועמענס קאמף־גייסט מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו אָטעמען די גאנצע יאָרן, באַזונדערס אין דער צייט פון דער לעצטער אכזריות'דיקער מלחמה, האָט אויף קאָמאנד פון העכערע מאַכטפולע אינסטאנצן, אויפגעהערט צו זיין אַ קולטור־שעפערישער כוח. געאָגראַפיש און פיזיש זיינען זיי איזאָלירט פון אונדז, און מיר פון זיי. מיר ווייסן גאָרנישט, וואָס דאָרט גייט מיט זיי פאָר, אָבער מיר גלויבן אמת'דיק, אז אין זייערע הערצער טליעט און וועט טליען יענע שבת־יום־טוב'דיקע יידישקייט, אַ וועלטלעכע און אַ גלייביקע יידישקייט, וואָס האָט אונדז זייט דורות באַגלייט, און האָט איצטער נייע פאָרמען און אַ נייעם אינהאַלט. געבליבן זענען קליינע רעשטלעך אין די אַמאָליקע גרויסע טראדיציע־רייכע ישובים פון פוילן, ליטע און רומעניע. מיר ווייסן, אז די זיבעציק אָדער אכציק טויזנט פונם אַמאָליקן דריי און אַ האלב־מיליאָניקן יידישן ישוב אין פוילן וועלן קיינמאָל נישט, אַפילו נישט אין פּראָפּאָרץ, קענען שפּילן די ראָלע פון אַמאָל. מיר קענען זייער גורל זייער מוט און אנטשלאָסנקייט באוויינען אָדער באַזינגען. אלס הייפעלע אין אַ פרעמדער וועלט און אויף די חורבות פונם אַמאָליקן פאָלקרייכן יידישן ישוב אין ווארשע, לאָדז, קראקע און לעמבערג, מעזריטש און טארנאָפּאל וועלן זיי אין זייער איזאָלאציע ווערן אסימילירט אָדער פאַרשווינדן.

אודאי האָט מדינת ישראל, די עקזיסטענץ פון אַ יידישן שטאַט, אַ יידישער מלוכה, מיט דעם געשאַפענעם אָרגאניזאציאָנס־אפּאַראַט אין לאנד גופא, און מיט דיפּלאָמאטישע און קאָנסולארישע פאַרטרעטונגען אין אַלע וויכטיקע לענדער, ווו עס לעבן יידן, געשאַפן אַ נייעם סטימולאנט קעגן אסימילאציע. עס קומט טאַקע פאַר אַ קבוץ גליות. עס שטרוימען אריין נאָך ישראל טויזנטער און טויזנטער עולים צו געפינען דאָרט אַן אייביקע היים. עס בלייבן און עס וועלן בלייבן מיליאָנען יידן אין דער גאנצער וועלט. פאַר וועמען דער פאַקט פון עקזיסטענץ פון אַ יידישער מדינה קען זיין אַ שוץ־מיטל קעגן אסימילאציע,

אָבער נישט אַ סטימולאַנט פאַר יידישער קולטור־אייגנאַרט און גייסטיק־יידישער שעפערישקייט, שוין דערפאַר נישט, ווייל דער דאָזיקער, אונדזער אייגענער יידישער שטאַט, אין ישראל איז אָפיציעל און פאַקטיש קעגן יידישע קולטור־שאַפונגען און באַשטרעבונגען.

אָבער עס זענען נאָך דאָ, חוץ מדינת ישראל, און די ליידער קליינע רעשט־לעך פונם אַמאָליקן גרויסן פוילישן יידנטום, דער גרויסער פינף־מיליאָניקער יידישער ישוב אין צפון אַמעריקע, אַ בכבוד׳יקער ישוב אין קאַנאַדע, די זייער אַקטיווע יידישע קבוצים אין אַרגענטינע און בראַזיליע, די נייע ישובים אין מעקסיקאָ און אויסטראַליע, און דער קאָלירפולער ישוב גראַד דאָ אין שכנות, דער זייער טעטיקער ישוב אין פראַנקרייך.

אין אָט די אַלע לענדער לעבן מיליאָנען יידן מיט אַ וועלטלעכן אויסבליק צו לעבן, פאַר וועמען יידיש איז מאַמע־לשון און אומגאַנגס־שפּראַך. ווי זיי זאָלן נישט זיין באַגייסטערט פון דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער מלוכה, איז דאָס נישט גענוג סטימולאַנט פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. אָטאָ דאָ טרעט אַריין היינט ווי אַמאָל פּרץ, דער טאַטע פון יידישער קולטור־שעפערישקייט און קולטור־רענעסאַנס, פירער און וועגווייזער פונם מאָדערנעם פּראָגרעסיוון יידישן מענטש, וואָס וויל נישט געפירט ווערן פון רעוועראַנדס, רבנים׳לעך, קאַריעריסטישע כלי קודש און פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן.

מען רעדט אַזוי לייכט, דאָ און אין ישראל, וועגן אונטערגאַנג פון יידיש. מיט הונדערט יאָר צוריק איז אַפילו מענדעלע נאָך נישט געווען; מיט פופציק יאָר צוריק איז אַמאָל נאָך נישט געווען קיין געשיכטע פון אַ מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. און היינט! היינט קענען מיר אויספילן גרויסע ביבליאָטעקן אין דער בעלעטריסטיק, אין פּאָעזיע און פּראָזע, אין פּובליציסטיק און קריטיק, אין פּעדאַגאָגיע און וויסנשאַפט, אין פילאָזאָפיע און געשיכטע.

עס זענען דאָ אַלע פאָרויסזעצונגען און באַדינגונגען פון אַ וועלטלעכן פּראָגרעסיוון מאָדערנעם יידנטום. עס איז די צייט פון אַ נייער יידישער רענעסאַנס דאָ אין גלות. פּרץ איז אָנהויב און סטימולאַנט. און זיינען מיר צו ווייט פאַרפאָרן פון אונדזער אַלטע פריערדיקע אידעאַלן, מוזן מיר אָנהויבן פון פאָרענט, שפּינען און ווייטערשפּינען פּרץ׳עס גאָלדענע קייט פון יידישער גייסטיקייט; שאַפן נייע פאָרמען, אַריינברענגען באַגייסטערונג און לעבנס־שוווּנג אינם יידישן לעבן, שבת־יום־טוב׳דיקע געהויבנקייט, אַ געהויבענע פייערלעכקייט.

דעם וועג האָט אויסגעטרעטן פאַר אונדז פּרץ. לאָמיר לעבן פאַר דעם דאָזיקן פּרץ׳ישן אידעאַל. לאָמיר קעמפן פאַר יידיש און יידישער קולטור. לאָמיר זיך צוזאַמענשליסן און קעמפן קעגן אַלע, וואָס שטעלן זיך אונדז אין וועג, — מיר, די יורשים פון אַ גרויסער יידישער קולטור־טראַדיציע אַפילו דאָ אין גלות, מיר, די יורשים פון פּרץ, זיין לעבן און זיין ווערק.

פסח 1950.



## משה יעקב קליפּער (אַנטווערפּן)

### כ׳האָב גע׳חלומ׳ט

כ׳האָב דעם טרוים זיך אָפּגעגעבן,
און גע׳חלומ׳ט אויפן וואָר, —
נאָר דער חלום פון מיין לעבן,
האָט געלאָזט מיר גרויע האָר...

כ׳האָב גע׳חלומ׳ט גאָלדענע טרוימען,
האָט דאָס גאָלד פאַרהילט די נאַכט;
און פון ליבע — דאָס פאַרזוימען, —
האָט מיין האַרץ מיר קראַנק געמאַכט...

כ׳האָב געפלאָכטן גליק־דמיונות,
און זיי קיינמאָל נישט דערגרייכט,
כ׳האָב געלעבט מיט ליכט־חלומות —
וואָס מיך האָבן אויסגעווייכט...

כ׳האָב גע׳חלומ׳ט און פאַרבונדן —
טרוים און לעבן אויפן וואָר;
איז מיר נאָר געבליבן — וווּנדן,
שטערן־קנייטשן, גרויע־האָר...

---

## י. ביעטש

### אימפּאָזאַנטע י. ל. פּרץ פייערונג

צו זיין 35־טן יאָרצייט

שבת דעם 8־טן אַפּריל איז אין „בערנאַרד באַראָן סעטלמענט" פאָרגעקומען אַ גרויסע פייערונג געווידמעט דעם באַרימטן יידישן קלאַסיקער י. ל. פּרץ.

דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם, וועלכע זענען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם געניאַלן שרייבער, בויער, און שאַפער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט זיין וואָרט און טאַט דערהויבן דעם נאָך דעמאָלט נידעריקן מצב פון דער יידישער פאָלקס שפּראַך צו אַ הויכן ניוואָ.

35 יאָר זענען אַוועק זינט י. ל. פּרץ איז געשטאָרבן, און איצט מער ווי אַמאָל פילט מען אַז ס׳איז אַוועק אַ פּערזענלעכקייט, וואָס זיין איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור און קולטור איז נישט אָפּצומעסטן.

דעם איינדרוק באַקומט מען לייענענדיק זיינע פאָלקסטימלעכע מעשה׳לעך, אין וועלכע ער שילדערט אַזוי מייסטערהאַפט די נשמה פון דעם יידישן אָרי־מאַן, וואָס הגם זיין לעבנס שטייגער איז אַ ביטערער, טראָגט ער ביי זיך אין

הארץ אַ גאנצע וועלט מיט אידעלע געפילן. פרץ פירט אונז דורך די יידישע שטעטלעך און וויקלט פאנאנדער אַ גאנצע גאלעריע מיט בילדער, ווי דער „משולח“ וועלכער איז שטאלץ דערמיט וואָס מען געטרויט אים אזוי פיל פרעמד געלט, פון „שלום־בית“ דוקא ביי חיים דעם פראָסטן טרעגער, „באנצי שוויג“, וכדומה.

אין „קעלער־שטוב“ שילדערט אונדז פרץ די שרעקלעכע יידישע אָרימקייט, ווו ס׳דאכט זיך אז ס׳איז נישטאָ קיין איין ווינקעל, ווו דער דלות זאָל נישט גיסן מיט ביטערע טרערן. אָבער פאר זיין שארפן בליק איז נישט פארבאָרגן דאָס ביסעלע ליכט, וואָס שיינט אריבער פון הינטער אַ „שפּאַנישע וואַנט“. די ליבע סצענע און ביסעלע פרייד, צווישן „טריינע און יוסלען“, וואָס איז נישט מער ווי אַ ליכטיקער שיין אין ארומיקן דלות.

פרץ דער מייסטער פון צענדליקע קונציקע דערציילונגען איז אויך דער גרויסער פּאָעט פון דער יידישער פאָלקס נשמה. אלס אזעלכן, ווייזט ער זיך הויפטזאכלעך ארויס אין זיינע חסידישע מעשה׳לעך. פרץ׳ס סימפאטיע איז תמיד אויף דער זייט פון די „דערנידעריקטע און באליידיקטע“, ביי אים זיינען אלע יידן גלייך, כל ישראל בני מלכים הם, די שכינה מוז רוען אויף כל ישראל! ער איז נישט ווי אַ רעאליסטישער באַאָבאַכטער, וואָס איז נייגעריג צו זאַמלען מענטשלעכע דאָקומענטן, פרץ שטעלט זיך אויף זיי אָפּ נאָר אויף אזוי פיל, כדי בעסער צו קענען זען די אינעווייניקסטע נשמה געפילן, וועלכע טראָגן פון דור צו דור די גרויסע בענקשאַפט, פאר אמת׳דיקייט, רחמנות, און יושר. באגייסטערן זיך מיט פרץ׳ן, אים ליב האָבן, אָפט לייענען זיינע ווערק, קאָנען בלויז די, וועלכע האָבן נאָך פון די יינגע יאָרן זיך דורכגעזאפט מיט דעם קוואַל, וואָס שטראמט אַרויס פון זיינע שריפטן, וועלכע ווערן עד־היום באלעבט אין דער פאנטאזיע פונם פאָלק.

אזא אינדיווידועלע פערזענלעכקייט, ווי פרץ האָט זיך נישט געקענט אינטערעסירן בלויז מיט דער אמת׳דיקייט פונם פשוטן לעבן. זיינע ווערק זענען באהויכט מיט דער בענקשאפט פון גייסטיקער יום־טוב׳דיקייט: ער האָט נישט געשריבן קיין לאנגע ראָמאַנען, פארוויקעלטע סיטואציעס, זיין שרייבן איז קורץ און שארף, אין אַ קורצע פראזע זיינער, ליגט אָפט באהאלטן אַ טיפער זין. פרץ איז דער אייביקער מאָנער, וועקער, פון דעם געדאנק, וואָס איז באזירט אויף רעספעקט און טאָלעראנץ, וואָס זאָל זיין אין הסכם מיט די נייע פרינציפן. דאָס יידישע פאָלק האָט אין פרץ׳ס צייט געלעבט אין אן אויפברויזנדע אומרואיקע תקופה פון דער מענטשהייט, וועלכע איז געשטאנען און שטייט נאָך עד־היום אויפן שייד־וועג פון גורלדיקע פראָבלעמען, וועלכע האָבן געמוזט האָבן אַ גרויסע השפעה אויף אזא פילזייטיקן גייסט ווי י. ל. פרץ.

עס איז שוין פיל מאָל געזאָגט געוואָרן, ס׳איז אָבער כדאי נאָכאַמאָל אונטערצושטרייכן, אז פרץ האָט אָנגעווענדעט אלע זיינע כחות, נישט צו בלייבן דער איינציקער, וואָס גייט צום פאָלק מיט זיין קונסט און זיין בילדונג. ער האָט תמיד זיך ארומגערינגעלט מיט יונגע און אלטע טאלאנטן און געווירקט



אויף זיי דורך זיין גייסט און טעטיקייט, אז זיי זאָלן שרייבן אין דער שפּראַך פונם פאָלק.

דאָס פייערן אַ פרץ יאָרצייט, איז תמיד פון אַ גרויסן קולטורעלן ווערט, דערמיט מאניפעסטירן מיר אונזער ווילן ממשיך צו זיין די גרויסע גייסטיקע ירושה פון איינעם פון די גלענצנדיקסטע שאפער און בויער, פון דער יידישער קולטור. די פייערונג וואס איז פארגעקומען דעם 8־טן אפּריל ביי פריינט פון יידיש לשון, האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס אַ גרויסע עולם פונם פשוטן האָראָפּאַשנעם יידישן מענטש, זענען געקומען אָפּצוגעבן כבוד, דעם גרויסן מייסטער און ריז אין דער יידישער ליטעראַטור. בעת די יידישע שרייבער וועלכע וווינען אין לאָנדאָן זענען אזוי ווייניק געווען פארטראָטן אויף דער פייערונג. דער חידוש איז גרויס, אָבער אַ סך זאָגן דאָס איז לאָנדאָן...

נאָך אַ קורצן אריינפיר־וואָרט פון משה עבוד וועלכער צייגט אָן אַז די השפעה פון פרץ׳ן אויף אַ גאנצן דור פון יידישע שרייבער, איז נישט אָפּצומעסטן, זיינע שאפונגען האָבן געדינט און קענען נאָך ווייטער דינען אלע טעמעס פאר פילע קריטישע אָפּהאנדלונגען.

אַ גרויסער תענוג רוחני איז געווען דער גייסטרייכער רעפעראט פון דר. יעקב מייטליס, די „וועלט פון פרץ“ וועלכער האָט שארף אונטערגעשטראָכן, אַז פרץ׳ס שאפן האָט הינטער זיך אַ לאנגע שטורמדיקע געשיכטע, און אַ גרויסע קולטור פון דרייסיק יידישע דורות אין פוילן, וועלכע האָט געפאָרמט אַ ספעציפישן אייגנארטיקן שטייגער לעבן, וואָס פרץ האָט אַזוי לעבהאפט פארקערפערט אין זיינע נאָוועלן, געדיכטע, אלעגאָריעס, אלץ וואָס דער דיכטער האָט דערבליקט אין דער פאָלקס געשיכטע איז באשטראלט מיט יידישן נשמה־חן. בלויז אזא דיכטער ווי פרץ איז געווען מסוגל די יידישע נשמה און לעגענדארישע בילדער צו פאראייביקן.

דער רעפעראט פון אליהו פאלושאק האָט זיך ווי אלעמאָל אויסגעצייכנט מיט זיין קלאָרקייט וועגן פרץ׳ס שאפן, ספעציעל פון דער שטורמדיקער צייט פונם נעכטן, ווו ער האָט געהאט ארום זיך אַ גרויס גייסטיק יידיש פאָלק, וועלכעס דער היינט האָט אַזוי גרויזאם פארווישט. ס׳איז פארלוירן געגאנגען דער קערנדיקסטער, גייסטיק שטארקסטער און שעפערישער טייל פונם יידנטום.

דער עולם האָט רואיק צוגעהערט און פייערלעך אויפגענומען די פיין באלערנדע רעפעראטן.

מיט גרויס באגייסטערונג איז אויפגענומען געוואָרן די שוישפילערין דאָרא דימאנט, וועלכע האָט אַזוי אייגנארטיק רעציטירט די פּאָעמע „מאניש“ פון י. ל. פרץ.

די רעדנער, ווי אויך די שוישפילערין דאָראַ דימאנט זענען הארציק פונם עולם באדאנקט געוואָרן.

דאָס קומען פון אזא גרויסן עולם באַווייזט, ווי לעבעדיק ס׳איז נאָך פרץ׳ס גייסט, וועלכער איז טיף אַריינגעדרונגען אומעטום ביי די יידישע פאָלקס מאסן, וואָס געדענקן דעם נאָמען י. ל. פרץ.

## פאול טרעפּמאַן

# דער דערנער־וועג פון אמאליקן חדר

(פונעם ציקל: „מיין גנאַינע געסל״)

ויצא — איז אַרויסגעגאַנגען, יעקב — יעקב, מבאר־שבע — פון בער־שבע, וילך — און ער איז געגאַנגען, חרנה — קיין חרן.... ווי אַ כאַראַלע דעקלאַמאַציע, אַדורכגעזאַפּט מיט זיסע, נאָגנדיקע, האַרץ־צערייסנדיקע, סקאַרבאָווע נגונים, האָט זיך געטראָגן פון גנאַינע געסל דאָס חומש לערנען אינעם חדר פון קאַפּלאַן־קאָרנפעלד. צום שבועות׳דיקן אקדמות — אַ נגון פון מאַלערישן דערציילן און לויב־געזאַנגען פון הוילע תהלות ותשבחות, צום פּורים׳דיקן מגילה־עפּאָס — אַן אַנדער נגון, אַ מעלאָדיע פון שטאָלצן פאַרמעסט און זיג, צום שיר־השירים — ווידער אַ נגון, אָבער אַ צערטלעכער, אַן אָנגעפּילטער מיט טרערן־זויבערער אומשולד, אַ ליד וועגן גרויסן באַגער פון ישראַן צו זיין האַר — אָט דאָס דאָזיקע געזאַנג, די כמעט אייביקע תורה־ראַפּסאָדיע אין דער אויספירונג פון חדר־יינגלעך און חדר־רביים, האָט צוגעגעבן אַ לעבנס־אינהאַלט די עלטערן פון גנאַינע גאַס, ווו אין הויף נומער איינס, ביי קאַפּלאַן־קאָרנפעלד׳ן האָבן זיייערע „אוצרות״ זיך געבויגן איבער סידורים און חומשים, טרינקנדיק פונם אייביקן יידישן קוואַל.

קאַפּלאַן־קאָרנפעלד — אַ שם־דבר אין דער ווארשאווער חדר־וועלט; צוויי נעמען, וועלכע האָבן געצויגן צו זיך עלטערן און קינדער אַפילו פון שילעץ און אכאטע; אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אויסגעלערנט די תלמידים תורה און געגעבן זיי אַלגעמיין וויסן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פולקאָמע און גוט־צוגעגרייטע בר־מצוה־יינגלעך; אַ חדר נישט צו פאַרגלייכן מיט אַנדערע, פיל אַנדערע ווארשאווער חדרים.

געוועזן צייטן, ווען דאָס חדר האָט פאַרמאָגט בלויז איין האַר, איין אייגנטימער — ר׳ קאַפּלאַן. געהויזט האָט זיין חדר־משכן אויף גזשיבאָווסקע אַכצן, אַ פאָר טריט פון דער יידישער גמינע, אויפן צווייטן שטאָק צו דער גאַס אַרויס. קאַפּלאַנ׳ס חדר איז געווען אַזוי פּאָפּולער, אַזוי באַקאַנט און באַליבט, אַז יינגלעך פלעגן מיט אים שטאָלצירן, די עלטערן פלעגן שיקן מתנות פאַרן רבי׳ן קאַפּלאַן, די אייגנטימערס פון די צוקערלעך־געוועלבלעך פון דער גזשיבאָווסקע האָבן אים, קאַפּלאַנען, געבענטשט בעת יעדן צוזאַמענטרעף מיטן באַקאַנטן און איבעראַל געאַכטעטן קינדער־מלמד, וואָס אין זיין זכות האָבן זיי געלייזט געלד.

שפּעטער זיינען געקומען אַנדערע, ביטערע צייטן. דער קריזיס בעת גראַבקי׳ס הערשאַפט און די אַסימילירנדיקע שטאַטישע פאָלקס־שולן האָבן אַוועקגערויבט גאַנצע שטיקער פלייש פונעם חדר־ריז. עלטערן האָבן אָנגעהויבן שיקן די קינדער אויף גזשיבאָווסקע זעקס־און־זעכציק, אויף פּטאַשע דריי, אין די „פּאָווּשעכניאַקעס״, ווו דער למוד, דער גויישער למוד האָט נישט



געקאָסט קיין געלד און ווו מ׳האָט די קינדער נאָך צוגעגעבן אַ פרישטיק אומזיסט אָדער זיי געשיקט אויף זומער־קאָלאָניעס אָן אַ פרוטה. גערעדט האָט מען דאָרט נאָר פויליש, געלערנט מיט זיי אויסשליסלעך וועלטלעכע קעגנשטאַנדן הגם די לערערס און די „קיעראָווניקעס״ זיינען געווען גוטע, איבערגעגעבענע יידן. זיי האָבן אָבער געהערט צו דער מלוכה, זיי — די שולן, די קינדער, די דערציערס. און ווייל דער למוד איז דאָרט געווען פריי פון אָפּצאָל, האָט זיך אין זיי געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק, ווען אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך די חדרים אויסגעליידיקט פון אַ העלפט תלמידים.

דאָס חדר אויף גזשיבאָווסקע אַכצן האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם קריזיס, טראָץ זיין פיל־יאָריקער טראַדיציע. קאַפּלאַן האָט זיך געמוזט פאַרבינדן מיט זעליגפעלד׳ן פון דער טשעפּלע פיר, דעם פאָטער פון דער באַקאַנטער פאָלקסזינגערין זמרה זעלינגפעלד־קיפּניס, די פרוי פונעם באַוווסטן מוזיק־קענער, זינגער און זשורנאַליסט קיפּניס — דעם „חבר״ פון „פּאַן מעצענאַס״. זעלינגפעלד האָט באהבה רבה אַריינגענומען אין זיינע צוויי חדר־צימערן קאַפּלאַנען און פאַרלייגט אַ מלמדישן שותפות. די אידיליע פון די צוויי ווארשאווער האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. במקום זיך צו פאַרגרעסערן, האָט די צאָל תלמידים געהאַלטן אין איין פאַלן און מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט קאַפּלאַן ווידער גענומען דעם וונדער־שטעקן און אָנגעהויבן צו זוכן אַ פרישן פאַדפאַרבינדעטן. דעמלט, אין דער טראַגישער און פאַרצווייפלטער לאַגע איז ער געקומען צום מלמד יעלין אויף טשעפּלע צען און דאָרט ביי אים ווידער פונאַנדערגעוויקלט זיינע געצעלטן. יעלין איז נישט געווען אַליין. אויך ער האָט פון פריער נאָך געהאַט אַ שותף, זאַקראַנסקי, וועלכער איז אָבער פּלוצים געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג און אַזוי אַרום זיינען זיי פאַרבליבן אַליין — יעלין און קאַפּלאַן.

הגם קאַפּלאַן האָט מיט זיך מיטגעפירט אַ היפּשע צאָל תלמידים, וועלכע זיינען אים טריי געבליבן אין יעדער פאַרלעגנהייט און וועמענס עלטערן האָבן זיך מיט די נעגל ממש געהאַלטן אינעם מחנך פון גזשיבאָווסקע אַכצן, האָט די צווייטע שותפות אויך זיך נישט געפרייט מיט דערפאָלג. דער באַקוועמער און גרויסער לאָקאַל פון יעלינס חדר איז געשטאַנען אַ האַלב־לערער, די צאָל תלמידים האָט מען געמוזט פאַרקלענערן און שליסלעך האָט עס געהאַלטן אַז דער חדר זאָל גענצלעך פאַרמאַכט ווערן.

אין אַזאַ שווערער תקופה, אין טעג, ווען קאַפּלאַנ׳ס מלמדישער שם האָט זיך געראַנגלט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, האָט זיך באַוויזן קאָרנפעלד מיט זיין סוחרישן טעמפּעראַמענט האָט ער דערוויזן קאַפּלאַנען, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, אַז ס׳זיינען פאַראַן גוטע מעגלעכקייטן, אַז מ׳קאָן זער אַ סך אויפטאָן. פון דעם דאָזיקן באַגעגעניש איז געוואָרן דאָס מאָדערנע חדר אויף גנאַינע איינס מיטן רוישיקן נאָמען „דאָס באַרימטע און אויסגעצייכנטע חדר פון קאַפּלאַן און קאָרנפעלד.

*    *    *

בײדע שותּפים האָבן אַרײַנגעלײגט אין נײַעם חדר זײער גאַנצן אָפּגעשפּאָרטן רכוש. דער געדונגענער זעקס צימערדיקער לאָקאַל איז דורך זײ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חדר פֿון צען צימערן, מיט אַ קאַנצעלײ און אַ גאַרדעראָבע פֿאַר די שילערס, מיט אַ קיך, וווּ דאָס בעלפֿער־פּאָרל האָט געקאָכט פֿאַר די קינדער טײ צו פֿינף גראָשן אַ גלאָז. די גרויסע צימערן האָט מען האַלבירט, דאָס האָט מען פֿאַרמויערט אַ טיר און אַ ביסל ווײַטער, בײַם צווײטן חדר־עק האָבן מויערישע הענט אויפֿגעמאַכט אין דער וואַנט אַ נײַע, אַ ברײטערע טיר. שלאָסערס האָבן רעפּאַרירט אַלע שלעסער פֿונעם לאָקאַל, עלעקטריקער האָבן מאָנטירט גלעקלעך און פֿאַרלײגט נײַע לאָמפּן, סטאָליאַרס האָבן צונויפֿגעקלאַפּט טאָוולען און אויפֿגעשטעלט נײַע קלאַס־בענק, מאָלערס האָבן באַלײגט די ווענט מיט העל־בלויע אײל־פֿאַרבן, וועלכע האָבן צוגעגעבן דעם גאַנצן חדר־בנין אַן אויסזען פֿון אַ זוניקן, צעלויכטענעם הימל. נאָך זעקס וואָכן אינטענסיווע רענאָוואַציע־אַרבעטן, איז דער לאָקאַל אויף גנאַינע אײנס געווען מוכן ומזומן אויפֿצונעמען זײַנע נײַע חדר־באַווינער. דער חדר־לאָקאַל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט איצט פֿריש אויפֿגעבויט געוואָרן. געטראָגן האָבן זיך פֿון אים ריחות פֿון אײל־פֿאַרבן, פֿון טערפּענטין און פֿאַקאָסט, פֿון „יאַשניעי סלאָנצאַ", פֿון שמירעכץ, וואָס האָט פֿאַרביטן דעם דיל אין אַ רויט־גלאַנציקן שטח.

צוויי וואָכן פֿאַרן סוף פֿון די זומער־ פֿעריען, האָבן קאַפּלאַן־קאָרנפֿעלד אַרויסגעשיקט געדרוקטע מודעות „צו די געערטע עלטערן פֿונעם גזשיבאָווער ראַיאָן", צו די, וואָס האָבן אין די פֿריערדיקע יאָרן געשיקט זײערע קינדער צו קאַפּלאַנען, ווי אויך צו די, וועלכע האָבן בכלל געהאַלטן קינדער אין חדרים, אין אַנדערע חדרים, אַז „ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן אַ קורצע צײַט צום אָפּשליסן די אײַנשרײַבונגען אינעם נײַ־געעפֿנטן, מאָדערנעם חדר אויף גנאַינע אײנס — מיט דרך־ארץ: קאַפּלאַן־קאָרנפֿעלד". אויסער די געדרוקטע בריוו האָט דער נײַער בעלפֿער אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן אויף די מויערן פֿון די אַרומיקע גאַסן מיטן זעלביקן אינהאַלט. אין חדר האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אַ רודערניש. געקומען זײַנען מכּל המינים עלטערן איבערצוגעבן דעם חינוך פֿון זײערע קינדער אין די הענט פֿון די געניטע מלמדים. גוטע, אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן געהאַט צוטרוי און געגלויבט קאַפּלאַנען; נײַע קונדן, וואָס האָבן בײַם אײַנשרײַבן זײער קלײנוואַרג געבעטן קאַפּלאַנען אָדער קאָרנפֿעלדן, אַז זײ זאָלן אַכטונג געבן אויף זײערע בנים מחמת דער עסט צו ווײניק, דער איז צו בלאַס, אַ פֿערטער האָט אַ טבע זיך צו פֿאַרקילן און אַ זעקסטער צי צוואַנציקסטער איז סתּם אַ רוח, וואָס קערט איבער די גאַנצע שטוב און טוט אָן צרות די שכנים. אָט דער עלטערן־פּלעיאַדע האָבן די צוויי אײגנטימערס פֿונעם נײַעם חדר פֿאַרזיכערט, אַז זײ וועלן נישט שפּאָרן קײן מי צו באַפֿרידיקן די געשעצטע טאַטע־מאַמע. ביזן סוף פֿון די פֿעריען האָבן זײ דערלײדיקט איבער אַכציק מוטערס צי פֿאָטערס און צוגענומען אין זײער חדר ביז אַכציק שילערס.



רעקרוטירט האָבן זיך די תּלמידים פֿון פֿאַרשידענע שיכטן. געלערנט האָבן בײַ קאַפּלאַן־קאָרנפֿעלדן נגידישע קינדער, דיטשאַבאַנס און אַדאַמסקיס — קינדער פֿון די אָנגעזעענע פּראָכטן־סוחרים פֿון דער פּטאַשע; די זין פֿון די פֿלאַקסבוימס — יוועלערן פֿון דער גראַניטשנע גאַס; פֿון די מילכבערגס און לעוו׳ס — געשיר־הורטאָווניקעס פֿון דער זשימנע; די קינדער פֿון גראָבן יאָסל, פֿונעם רעסטאָראַטאָר ווײַנבערג, פֿון עלטערן „חסד׳לעך", פֿון גנבים, פֿון בעלי־בתּישע פֿאַמיליעס און פֿון גרויסע אָרעמעלײַט. אַלע זײַנען זײ דאָרט געזעסן אויף די זעלביקע הילצערנע בענק; צו אַלעמען האָבן די לערערס גערעדט מיט דער זעלביקער שפּראַך; קײנער פֿון זײ איז נישט געווען קײן מיוחס אָדער אויסדערווײלטער; אַלע, די אָרעמסטע און רײַכסטע, האָבן זײ זיך געפֿילט פֿרײַ און מונטער, הגם נישט אַלע עלטערן האָבן געצאָלט אַ גלײַכן שכר־למוד. קאַפּלאַן און קאָרנפֿעלד האָבן זײער גוט געוווּסט בײַ וועמען מען קאָן און מען דאַרף פֿאָדערן אַ הויכן פּרײַז, בײַ וועמען מ׳טאָר נישט מער נעמען ווי אַ פּאָר גילדן און וועלכן שילער מ׳איז פֿאַרפֿליכטעט, לגבי דעם אײגענעם מלמדישן געוויסן, לערנען אומזיסט, בחינם. און די „בחינמ׳דיקע" האָבן אין חדר נישט געמערקט זײער אָרעמקײט, זײער דלות, ווײַל צו זײ האָבן די לערערס תּמיד מער געשמײכלט ווי צו די אַנדערע, צו די רײַכע, און ווײַל זײ, די הונגערנדיקע, האָבן זיך אויך בעסער געלערנט און שנעלער באַנומען דעם רבי׳נס רײד. זײערע העפֿטן, אַ בחינמ׳דיקע מתּנה פֿון אַ לערער צי מנהל, זײַנען געווען די זויבערסטע, זײער האַנט־שריפֿט — אויסגעטאָקטע צײכנס, זײער אויפֿפֿירונג — אַ מוסטערהאַפֿטיקע.

דער נײַער דערציערישער מוסד, דאָס מאָדערנע און מיט פֿיל קולטור און געשמאַק אײַנגעאָרדנטע חדר, זײַנע תּלמידים מיט די עלטערן, די מלמדים און לערערס פֿון דער ערשטער ביז דער פֿינפֿטער קלאַס, אַלע, אַלע האָבן זײ זיך געפֿונען אונטער דער ווירקנדיקער השפּעה פֿון די צוויי בעלי־בתּים, פֿון די בויערס און וועג־ווײַזערס פֿונעם חדר אויף גנאַינע אײנס, פֿון קאַפּלאַן־קאָרנפֿעלד.

קאַפּלאַן איז געווען אַ ייִד איבער די זעכציקער. זײַן ענערגיע אָבער, זײַן טעטיקײטס־טעמפּעראַמענט איז דורך אַלע זײַנע באַקאַנטע פֿאַרגליכן געוואָרן מיט דער קראַפֿט פֿון אַ יונגנמאַן, וואָס טרעט ערשט איצט אַרײַן אין לעבן. געשטאַמט האָט ער פֿון ליטע, ער ווי אויך זײַן קלוגע, אַריסטאָקראַטיש־אויסזעענדיקע פֿרוי. אַ שוואַרץ־גרויע, פֿיר־עקיק געשוירענע באָרד, שוואַרצע ווי קויל און ווי גראָטענע תּבואה אויסגעוואַקסענע ברעמען, האָבן אַרומגענומען זײַן גוטמוטיק ווײזן מיט אַ מאַסקע פֿון בײזקײט און שלעכטקײט, הגם פֿון דער נאַטור אויס איז ער געווען אַ בעל־הרחמים, אַ ווײך־האַרציקער, אַ גרויסער בעל־טובה אָבער אַ שרעקלעך נערוועזער. זײַן קלײנע, פֿעסלדיקע געשטאַלט האָט ער תּמיד אונטערגעהאַלטן מיט אַ שוואַרצן שטעקן, וועלכער האָט אויף זיך געטראָגן אַ זילבערנעם שלאַנגען־קאָפּ, אַן אָנדענקונגס־ירושה פֿון זײַן פֿאָטער. קאַפּלאַן איז געווען אַ כּהן, דאָס מײנט אָבער נישט, אַז אַלע־

מאָל האָט ער זיך געכעסט אָדער געשלאָגן. ער האָט זיין באַרוף גענומען ער־לעך און ערנסט. זיין איינציקער באַגער אַלס מלמד איז געווען — איינצו־פלאַנצן וואָס מער תורה צווישן זיינע תלמידים, געבן זיי אַ טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַל־יידישע דערציאונג און בכלל מאַכן פון זיי „לייט". אַ טעמפּן שי־לער האָט ער געלערנט נאָך די אָפיציעלע שעה'ן, אַ גוטן תלמיד האָט ער „האָלד" געהאַט ווי זיינע אייגענע דריי קינדער און אַ שטיפער, טאַקע אַ גע־וויינלעכן צו־להכעיסניק האָט ער געשטראָפט ווי אַ שטרענגער, קאָמפּראָמיס־לאָזער ריכטער. זיינע תלמידים האָבן גוט געוווּסט, אַז ווען זיי וועלן נישט אויסלערנען פּרק אָדער חומש, וועט קאַפּלאַן זיך נישט באַהערשן, נעמען די „ליניע" און אַריינצייילן עטלעכע „לאַפּעס". די גוטע שילערס האָבן פאַר אים נישט מורא געהאַט, ווייל זיי האָבן אין אים געהאַט אַ פריינט, אַ מענטש וואָס זאָרגט פאַר זייער וויל. ווען קאַפּלאַן האָט זיך באַוויזן אין דער מחלקה האָט מען געקאָנט הערן דאָס זשומען פון די אַרומפליענדיקע פליגן.

(המשך קומט)

## אפּקלאַנגען

### 1. יציאת אייראָפּע

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן מיר אַלע געלייענט די פריילעכע ידיעה, אַז אַלע לאַגערן אין דייטשלאַנד, ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן שארית הפליטה פון אונדזער פאַרטיליקטן פאָלק אין צענטראַל־אייראָפּע, זענען געוואָרן אויפ־געלעזט. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געגאַנגען נאָך מדינת ישראל, דער קלענערער טייל איז זיך צופאָרן צו זייערע נאָענטע און ווייטע קרובים אין אויסער־אייראָפּייאישע לענדער. די יידן, וואָס זיינען געבליבן אין דייטשלאַנד, זיינען רעשטלעך פונם אַמאָליקן האַלב־מיליאָנענדיקן שטאַרק־אָרגאַניזירטן ישוב, צוזאַמענגעהאַלטן אין קהלות און קהלות'לעך, די אַזויגערופענע קולטוס־און סינאַגאָגן־געמיינדען.

און הלואי וואָלטן אויך זיי, די רעשטלעך פונם אַמאָליקן הויך־קולטיווירטן דייטשן יינטום, געפונען אַ מקום מנוחה אין אַנדערע לענדער, צווישן אַנ־דערע פעלקער און נישט צולעצט אין מדינת ישראל אַליין, און איבערלאָזן גאַנץ דייטשלאַנד, סיי ד אָ ס פונם קאַטוילישן קלאָון דר. אדענויער, און אַפילו דאָס אַזויגערופענע„ אַנדערע דייטשלאַנד" אָדער „בעסערע דייטשלאַנד", יודען־ריין ד.ה. אינגאַנצן אָן יידן. די הידרא פונם מערדערישן אַנטיסעמיטיזם און ראַסן שנאה דערהויבט שוין ווידער אומפאַרשעמט איר קאָפּ, און עס וואָלט געווען בעסער פאַר אונדזער יידישן כבוד, ווען די קליינע רעשטלעך זאָלן אַרויס פון דאָרט אויף אימער און אייביק, און אַ סוף זאָל זיין מיט אַ יידישן פּראָבלעם אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד.



מיר דערמאָנען אָט־אָ דאָס אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַקציע, אַ וויכטיקער קולטור־אַקציע, אין וועלכער עס זיינען געווען באַטייליקט אַנגעזעענע יידישע צענטראַל־אָרגאַניזאַציעס און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און ביי וועלכער מיר, „פריינט פון יידיש־לשון" און דער זשורנאַל „לשון און לעבן" האָבן אויך געהאַט אַ חלק, אין אַ געוויסער מאָס די איניציאַטיוו.

אין פעברואַר 1945, ווען די זיגרייכע אַרמייען פון די מערב־מלוכות און דעם סאָוועטן פאַרבאַנד, האָבן פון ביידע זייטן אַרומגעכאַפּט און איינגע־צוואַנגט דעם בלוטיקן שונא, איז אין דער היגער יידישער פּרעסע געווען אָפּ־געדרוקט אַן אויפרוף פון „ריסערטש־דעפּאַרטמענט" אין בוך צענטער פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס (בריטישער סעקציע), וואָס בעט מנדב צו זיין ביכער אין פאַרשידענע לשונות, אין העברייאיש און אַפילו יידיש (אַפילו יידיש!) פאַר די רעשטלעך פונם אייראָפּייאישן יינטום אין די באַפרייטע לענדער. האָבן מיר אין אונדזער פּשטות און נאַאיוויטעט פאַרשטאַנען, אַז אין דער מערצאָל זיינען עס יידישע, טאַקע פּשוטע „אַפילו'דיקע" יידישע ביכער, אין דער שפּראַך פון מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם, נאָך וועלכע עס לעכצן און בענקן טויזנטער און צענטויזנטער פון אונזערע שארית הפליטה. מיר האָבן שנעל געשאַפן דעם קאָנטאַקט מיט דעם ביוראָ פונם היגן יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער האָט צוזאַמענגערופן פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. אַפילו דער טשיף רבי האָט געשיקט זיין פאַרטרעטער צו דער וויכטיקער באַראַטונג.

מיר ווייסן נישט, וואָס אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויפגעטון אין דער דאָזיקער אַקציע. מיר אַליין האָבן אַרום פּסח 1945 צוגעשטעלט צום בי־כער־צענטער אַרום פינף הונדערט ביכער, בראָשורעס און אייגענע אויסגאַ־בעס. די צוזאַמענאַרבעט מיט דעם וועלט־קאָנגרעס דאָ איז נישט אייביק גע־ווען זייער האַרציק. מיר האָבן (נישט סתם אַזוי) אויף זיי געהאַט אַ חשד, אַז זיי זיינען נישט שטאַרק אינטערעסירט געווען מיטצוהעלפן צו פאַרשפּרייטן אונדזער זשורנאַל, כאָטש עס האָט זיי נישט געקאָסט קיין געלט. אָבער דאָס איז איצטער נישט וויכטיק.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט די לאַגע. פון אַלע זייטן האָבן זיך פּריוואַט־פּערזאָנען, סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע און וועלפעיר אינסטיטוציעס געוואָנדן צו אונדז דירעקט און אומדירעקט מיטצוהעלפן צו שטילן דעם גייסטיקן הונגער פון די דעמאָלט אויסגעוואָרצלטע, אַנטרונענע און געראַטעוועטע. נעבן די כתבים פון אונדזערע קלאַסיקער, מאָדערנע יידי־שע שרייבער און צייט־ליטעראַטור, האָט מען אין די קעמפּס פון דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע און גריכענלאַנד פאַרלאַנגט אויך אונדזער באַשיידענעם „לשון און לעבן", אָט דעם „לשון און לעבן", וועלכן צו פאַרשפּרייטן דאָ אין לאַנד עס קומט אונדז אָן מיט זיבן שווייסן. וואַרעם און רירענד זיינען די בריוו, וועלכע מיר האָבן באַקומען פון דער צענטראַל־שטעלע און די אויסלענדישע גרופּעס פונם „דזשואיש קאָמיטע פאַר רעליף אַבראָאַד" (Jewish Committee

for Relief Abroad) ווען זיי האָבן באַקומען רעגעלמעסיק צוגעשיקט גרויסע קאָנטינגענטן פון קלאַסיקער (משה עובד האָט געשענקט אַ גאַנצן זאַץ — זיבעצן בענדער — מענדעלע מוכר ספרים), אויסגאַבעס פון אַנדערע לענדער, לידער־ביכער וכו׳.

עס מוז אַמאָל דערמאָנט ווערן, אַז גראַד די אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע, קרייזן פונם „דזשויש קאָמיטע" זיינען געווען די בעסטע העלפער אין אונדזער אַרבעט צו שאַפן און אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער פון יענער זייט קאַנאַל. עס זיינען געשאַפן געוואָרן די בעסטע באַציאונגען מיט דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע. אונדזער „לשון און לעבן", איצטער אין אַ פאַרגרעסערטער אויסגאַבע, איז אַ פאַרלאַנגטער אַרטיקל. מען רייסט זיך נאָך אים. עס שאַפן זיך פון די לייענער נייע באַציאונגען. עס מעלדן זיך נייע און אַלטע טאַלענטן. דער קרייז אַרום אונדז ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, און ווייל מיר האָבן קיים פון ערגעץ־ווו באַקומען אַ פינאַנציעלע אונטערשטיצונג אָדער הילף, ווערט אויך אונדזער דעפיציט אַלץ גרעסער און גרעסער. אָבער דאָס האָט נישט צו טון מיט דעם ענין דאָ.

— — — — — — — — — — — —

אַ פּאָר טעג נאָך דעם ווי די לעצטע אַפּריל־אויסגאַבע איז געוואָרן פאַרשיקט צו אונדזערע אַבאָנענטן און פריינט איז צוריקגעקומען אַ פּעקל פון 30 עקזעמפּלאַרן פונם לאָנדאָנער ביוראָ „דזשויש קאָמיטע פאָר רעליף אַבראָאַד". עס האָט נאָכגעפאָלגט אַ בריוול, ווו עס ווערט אונדז מיטגעטיילט, אַז אויפגעלעזט זיינען די לאַגערס, די לעצטע טרויעריקע רעשטלעך פון אַ געוועזענעם בלוטיקן קאַשמאַר. די לאַגער־איינוווינער זיינען זיך צופאָרן, צוזייט און צעשפּרייט, נאָך ישראל, נאָך אַמעריקע און ווו נישט. ווינטשן מיר אונדזערע ליבע געטרייע לייענער און פריינט, אומעטום ווו זיי זיינען, אַז מזל און ברכה זאָלן זיי באַגלייטן, זיי און זייערע ליבע, און אַז זיי זאָלן אָנהאַלטן זייער ליבע און געטריישאַפט צום יידישן וואָרט און יידישער קולטור, ווי זיי האָבן עס געטון נאָך דער באַפרייאונג פון היטלער׳ס יאָך, ביז אין אַלע אייביקייטן, אמן.

2. אַ יידישער דיכטער איז עולה רגל

די יידישע פרעסע דאָ און אין אַנדערע לענדער האָט געמאָלדן, אַז דער רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן", פאָרזיצער פון „פריינט פון יידיש־לשון", דער דיכטער א. נ. שטענצל איז געפאָרן קיין ארץ ישראל. באַלד נאָך זיין אָנקומען האָבן מיר דערהאַלטן זייער וואַרימע און באַגייסטערטע בריוו פון אונדזער מיטאַרבעטער ש. ערנסט, דעם הויפּט־ביבליאָטעקאַר פון דער ספריה העירונית אין תל־אביב, ווו ער טיילט אונדז מיט אַלע איינצעלהייטן וועגן דער אויפנאַמע פון שטענצל׳ן אין די יידיש־ליטעראַרישע קרייזן אין ישראל, און אַז חברים און קאָלעגן בעטן אים, אַז ער, א. נ. שטענצל, זאָל זיך אויף שטענדיק באַזעצן אין ישראל. ער האָט בשלום צו פסח עולה רגל געווען נאָך ירושלים; און די ממשלת ישראל האָט שטענצל׳ן באַוויליקט אַ וועגוויזער, אַ מורה דרך, וואָס האָט אים צופוס באַגלייט ביז דאָרט אַהין.



מיר האָבן קיין אויספירלעכן בריוו פון אים, אונדזער רעדאַקטאָר, נישט באַקומען, אָבער מיר קענען זיך פאָרשטעלן וועלכע געפילן עס האָבן אים, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך איבער ירושלים און „האָט אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט", וועלכע געפילן עס האָבן אים באַהערשט אין דער צייט, ווען ער איז געווען אין דער אייביקער שטאָט פון גאָט און מענטש, וואָס אַ שטיק פון איר איז אָפּגעטיילט און געפינט זיך אין „יענעם" לאַגער . . .

מיר רעכענען, אַז אין אַ ליאַדע טאָג וועט שטענצל צוריק קומען דאָ אַהער, ווי ער רופט עס אָן, צו זיינע ווייטשעפּעלער יידן. מיר ווייסן נישט פון אויסווייניק מיט וועלכע פּלענער ער טראָגט זיך אַרום, אָבער מיר האָפן ערנסט און האַרציק, אַז זיין קורצער אויפענטהאַלט אינם לאַבירינט פון אַ נייער יידישער שאַפונג האָט דערוויטערט זיין בליק. מיר זיינען גאָרנישט מחדש, און שטענצל ווייס עס אַליין, אַז מיט זיין דאָ־זיין אין לאָנדאָן די לעצטע 15 יאָר, מיט זיינע געשאַפענע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, בן־אורי ליטעראַרישע זונטאָג־אָוונטס, מיט זיינע העפטלעך אין די שטורעם־ און מלחמה־יאָרן 1945־1940, מיט דעם זשורנאַל „לשון און לעבן" אין די נאָך־מלחמה־יאָרן ביז היינט, האָט ער זיך געשאַפן אַ באַזונדערן נאָמען אין דער יידישער גייסטיקער וועלט. ער איז געווען סטימולאַנט, איניציאַטאָר און קנאי. ווינטשן מיר אים צו זיין צוריקקומען נייע כחות, געזונט און פרנסה (פון וואַנען זאָל אַ יידישער דיכטער האָבן פרנסה?) און אַ שטאַרקן ווילן ווייטער אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט. ער אַליין ווייס, אַז זיין פּלאַץ איז דאָ מיט אונדז.

מיר דענקען, אַז נאָך זיין עולה רגל זיין און דערלעבענישן אין ישראל, האָט ער אונדז עפּעס צו זאָגן. לאָמיר וואַרטן אויף זיין צוריק־קומען. מיר ווינטשן אונדזער חבר און רעדאַקטאָר, דעם דיכטער א. נ. שטענצל, אַ בואָך לשלום.

ק.

## א. מ. פוקס איז עולה קיין ישראל

דער באַרימטער יידישער שרייבער און מיטאַרבייטער פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן" איז עולה קיין ישראל.

א. מ. פוקס האָט אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס איינער פון די בעסטע פּראָזע קינסטלער, וועגן זיינע קערנדיקע רעאַליסטישע דערציילונגען וועלכע זענען דערשינען אין אַ צאָל ביכער און אויך אין אַ בוך אין העברעאישער איבערזעצונג „בגויים", איז פון יידישע ליטעראַטור קריטיקער געשריבן געוואָרן אַ היפּשע צאָל אָפּשאַצונגען אין וועלכע עס איז געלויבט געוואָרן זיין אָריגינעלער קינסטלערישער פּראָזע סטיל. די טעמעס פון א. מ. פוקס דערציילונגען זענען פון דעם יידישן לעבן פון אונזער תקופה דערהויפּט פון דער טראַגישער איבערברוך־צייט פון יידישן לעבן פון דער צייט צווישן ביידע וועלט מלחמות.

א. מ. פוקס איז געקומען קיין לאָנדאָן אין יאָר 1938 אלס פליכטלינג פון וויען און ער האָט זיך ווערנד דער צייט אין לאָנדאָן באַטייליקט מיט זיינע באַדייטנדע ליטעראַרישע שאפונגען, דערציילונגען, ארטיקלען און קריטישע אָפּשאצונגען כמעט אין אלע היגע יידישע און העברעאישע אויסגאבן און אויך אויפן געזעלשאפטלעך קולטורעלן געביט.

אַ אָפּשאַצונג וועגן א. מ. פוקס׳עס ליטעראריש שאפן וועט דערשיינען אין אונזער זשורנאַל.

* * *

## קולטור ידיעות

### אברהם סוצקעווער קומט קיין לאָנדאָן

אברהם סוצקעווער, דער בארימטער דיכטער, פארטיזאנען קעמפער, רע־דאַקטאָר פון דער „גאָלדענער קייט“ וואָס דערשיינט אין ישראל, קומט דעם דריטן מאי קיין לאָנדאָן.

עס ווערט אראנזשירט אַ קבלת פנים פון ליטעראַטן פאריין צוזאמען מיט דער „ייווא“.

דעם 6־טן מאי וועט אברהם סוצקעווער רעדן אויף אונדזער ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג.

אונדזער חשובער גאסט וועט פארברענגען אין לאָנדאָן בלויז 10 טעג.

* * *

די טעג דערשיינט אַ ניי בוך לידער א.ד.ט.:

„זינגענדע רעיונות: פון משה עובד

* * *

אין בעלגיע איז אַריין אין דרוק אַ ניי קינדער בוך פון שפרה ווערבער: אַ פּאָעמע: „ניסעלעס טרער“, מיט אילוסטראציעס פון דעם בארימטן מאַלען בען.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

**(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

- שבת, דעם 6־טן מאי: קבלת פנים לכבוד דעם פארטיזאנען קעמפער און דיכטער (געקומען פון ישראל קיין לאָנדאָן) אברהם סוצקעווער.
- שבת, דעם 13־טן מאַי: קבלת פנים פאר א. נ. שטענצל צו זיין צוריק־קומען פון ישראל.
- שבת, דעם 20־טן מאי: טראדיציאָנעלע שבועות פייערונג. עס וועלן גע־לייענט ווערן פון אונזערע קלאַסיקער: מענדעלע, שלום עליכם, פרץ און רייזען.
- שבת, דעם 27־טן וועט זיין געווידמעט דעם יידישן פאָלקלאָר און הומאָר.



„די צייט“
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער
די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן־אורי“
זונטיק דעם 28־טן מאי
אין לאָקאַל פון
„בן-אורי“ קונסט גאלעריע
14 פּאָרטמען סטריט וו.1.
די טראדיציאנעלע שבועות און
גרינדונגס פייערונגען
משה עובד, יהודה ביעטש, דאָראַ די־מאנט, אייזיק גאָלדבערג, נחמן רובין און אליהו פּאָלושאַק.
ארייפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

---

### מזל טוב

די רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון „לשון און לעבן“ צוזאמען מיט בן־א.. סאכאטשעווסקי ווינטשן דעם חשובן קאָלעגע **אריה שדמי** פון קבוץ דן און זיין פרוי, אַ הארציקן מזל טוב צו דעם געבורט פון זייער דריטן טעכטערל.

זאָלן זיי האָבן פיל נחת פונם ניי געבוירענעם און זייערע קינדער.

---

### רעדאקציע נאטיץ

דער מאי נומער „לשון און לעבן“ איז רעדאַגירט פון צבי ארנשטיין אין דער צייטווייליקער אפּוועזנהייט פון דעם שטענדיקן רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל.

---

„אין חדר אריין“ 5/-
„אין זכות פון די טעג“ 3/6
„די גאולה שעה“ (אַ וויזיע) 5/-
פון
משה עובד
צו באקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 6 (העפט 125) עלפטער יארגאנג יוני 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

די „באזע" פון יידיש לשון אין ישראל........................** 1
די נייע פנימער פון עולים וואָס מען זעט איצט אין די גאסן (אַ בריוו
פון ישראל)..............................ש. ערנסט 4
צעשיינטע אָוונטן (ליד)..........................דוד אָפּאַלאָוו 6
לייזערס „קליינטשיקע" (דערציילונג)...................צ. כרמי 7
„אַ גאסט אויף אַ וויל וואָס זעט" קוים „אויף אַ מייל" (אַ שטיקל אַן
איינדרוק און אַ שטיקל אַ באריכט פון ישראל). על רגל אחת
(לידער).......................................א. נ. שטענצל 12
אַ באזוך ביי משה'ן (עסיי)..........................לעאָ קעניג 30
די גייציקע וויעוויארקע.............................משה עובד 33
וויעוויאָרקע (סקולפטור) ............................משה עובד 33
„אייגענטלעך" (פעליעטאָן)..........................קיטי בראון 34
הארי אריעל און פיניע גאלדשטיין............————————ר. 37
אויך אַ מאי־פייערונג (פעליעטאָן).................אליהו פאלושאק 38
מיט דוד פינסקי אויפן הר הכרמל..................אפרים טויבנהויז 41
אברהם ברוידעס — ארבעטער־דיכטער פון ישראל..דר. א. שראגענהיים 43
עטלעכע ווערטער וועגן עטא טאפל און מארק מארקאָוו......ס. פאלמע 45
געסט פון ישראל: סוצקעווער, פאפירניקאָוו, מאסטבוים, אוהל טעאטער 46
גרופן־פּאָטאָ ................................................ 46
זרענו כספנו ירבה כחול (פאָלקלאָר)..........יחזקאל נח ערלעכמאַן 47
ר' אברהם מאנדי ז"ל (נעקראָלאָג)..............————————** 48
רעדאקציע נאָטיץ, מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד: —5 דאָלאר א יאר

1/9 פאר א פראָבע נומער

By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press*, 129-131 *Cavell St., London, E.1*

TOWER HAMLETS LIBRARIES